# סטודיא

פערטל־יערלעך

פאַרלאַג "אַליין"
נויאָרק

3

יאַנואַר־מערץ
1935

STUDIO
Literary Quarterly
Vol. 1, No. 3
Jan.-Mar., 1935

Published and Edited by
LAMED SHAPIRO
166 Second Avenue
New York, N. Y.
Subscription Price $2.00 a Year

אינהאַלט:

| | | |
|---|---|---|
| 273 | ל. שאַפּירא: | דער אַמעריקאַנער שד |
| | אַלטער עסעליג, ז. וויינפער, מ. טקאַטש, א. מאַ־ | |
| 350 | באַטשניק: | לידער |
| 361 | ק. לאַקס: | דער רעאַליסטישער ראָמאַן און זיין פּראָבלעם |
| 366 | י. זאַלאַט: | צווישן שרייבער |
| 369 | ראָמען ראָלאַן: | א בריוו צו אַן אַמעריקאַנער אינזשעניר |
| 375 | לאַמעד שין: | וועגן עסיי |
| 381 | אל. גרינבערג: | די אויפגערודערטע שרייבערוועלט |
| 390 | ייד זיין: | ציטשריפט |
| 393 | לאַמעד שין: | שרייבטיש |

POSY-SHOULSON PRESS
19 W. 21st St., New York, N. Y.

פון דער ביבליאָטעק
פון
דוד און פּאַלין שיין ע"ה
אַ מתנה
[illegible]ינדער

# סטודיאָ

פערטל־יערלעך
געפירט פון
ל. שאַפּיראָ

נומער דריי
יאַנואַר—מערץ
1935

ל. שאַפּיראָ

## דער אַמעריקאַנער שד

### א. "דער גייסט פון אַמעריקע"

.1

אין שאַפּ, אויף אַן אָנזיכטיקן פּלאַץ אויף דער וואַנט, איז געהאַנגען א קאַרטע שיין געדרוקט אין פעטן שריפט: "ארבעט פלייסיק 8 שעה א טאָג און דריי זיך ניט קיין קאָפּ — וועט קומען א צייט ווען אַנדערע וועלן ארבעטן אויף דיר, און דו וועסט האָבן קאָפּ־דרייעניש איבערן קאָפּ".

אַן אמעריקאַנער וואַריאַנט פון "מרבה נכסים מרבה דאגה".

די ארבעטער האָבן געלאַכט:

— ניט קיין שלעכטער וויץ!

— א וויץ, אה? — האָט דער פאָרמאַן איינגעווענדט. — שוין גאָר־נישט קיין וויץ. ווען איר וואָלט געדאַרפט באַגעגענען די אַלע צאָלונגען וואָס דער באָס האָט —

— אוואַדע! — האָט דזשייק אונטערגעהאַלטן מיט פרומקייט. — די צאָלונגען... א שפּאַס די צאָלונגען!

און אויף א ווײלע האָבן זיינע אויגן זיך אוועקגעריסן פון דער ארבעט און פארקוקט דורך די פענצטער ארויף צו די וואָלקנס. דאָרט אין דער הויך, איבערן רוקן פון א וואטענעם באַרג, האָבן זיך אויסגעשטעלט עטלעכע רייען גלאַנציקע מאשינען; נעבן זיי זענען געזעסן איינגעבויגענע מענטשן און האָבן געשטופּט די פינגער אונטער די נאָדלען, און ער, דזשייק, האָט זיך ארומגעדרייט מיט די הענט אין די קעשענעס און האָט ערנסט און וואזשנע געקנייטשט דעם שטערן איבער זיינע צאָלונגען.

נאָר דאָס דאָזיקע בילד האָט זיך שיטער און בלאָס גענעפּלט אין דער ווייטקייט, ביים סאַמע ברעג פון הימל; נעענטער אהער האָט פערלמוטערדיק געשימערירט דער "שטיין" פון א סאָדעקרעמל, וואו דזשייק האָט געצאָפּט וואסער אין הויכע גלעזער און האָט ארויסגעגעבן רעשט, אין נאַסע קופּערנע פּענים, צו א לאַנגער צייל קונים — און דאָס האָט אויסגעקוקט אַסך ממשותדיקער. און מיט א זיפץ האָט דזשייק אראָפּגעלאָזן די אויגן צוריק צו דער ארבעט און האָט מיט צערטלעכקייט א טאָפּ געטון זיין בוזימקעשענע וואו דאָס באַנקביכל איז געליגן. —

.2

דזשייק בערעזע האָט א פּלייצע אביסל געבויגן פון דער ארבעט און פון זיינע עטלעכע־און־דרייסיק יאָר אויף דער וועלט — א פּלייצע פון אונטערטעניקייט און אָן־א־שיעור־געדולד. זיינע אָפּגעבליאַקירטע האָר ליגן שיטער און פּלאַטשיק בא אים אויפן קאָפּ. די אויגן — גרויע און מוטנע ווי א רעגנדיקער טאָג, און די לינקע ברעם איז בא אים כמעט אינגאַנצן אויסגעקראָכן.

דזשייק מיינט, אז פאַר אים איז צייט חתונה צו האָבן. דזשייק מיינט שוין לאַנג, אז פאַר אים איז צייט חתונה צו האָבן. עס איז אים נמאס געוואָרן צו עסן אין די רעסטאָראַנען, וואָס זיי פאַרדאַרבן אים דעם מאָגן אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג. — עס איז



מתנה ... ארבעטער קאמיטעט
Atran Center for Jewish Cultu...
25 East 78th Street
New York 21, N. Y.

אים נמאס געוואָרן צו זיצן אין די גאָטקעס אויף זיין בעט, יעדן זונטאָג אינדערפרי, און זיך איינגנייען קנעפּלעך דאָרט וואו מ'דאַרף. — עס איז אים נמאס געוואָרן אריינצוכאַפּן זיך „אומגערן" אין קיך אריין דאַווקע דעמאָלט, ווען די מיסעס גייט ארום אָן א קאַפּטל. אגב, האָט ער ניט קיין מזל צו די מיסעסעס, דזשייק: זיי זאָגן אים, זיי האָבן פיינט "מאָנקי־ביזנעס". המ... עס וואָלט כדאי געווען צו וויסן — האָבן זיי ט א ק ע פיינט מאָנקי־ביזנעס, אָדער נאָר מיט אים, מיט דזשייקן, האָבן זיי פיינט מאָנקי־ביזנעס? דאָס איז שווער צו דערגיין, מחמת די ווייבער זענען דיר אזא געהיימניש, אזא — אזא טיפע געהיימניש. מ—יאָ. —

און חוץ אַלעם דעם,אז מ'וויל "זיך ארויפארבעטן", דאַרף מען האָבן א ווייב, אָן ארויסהעלפער, ווייל א מענטש קאָן זיך ניט צערייסן.

.3

זונטאָג נאָך פרישטיק גייט דזשייק ארויס אויף דילענסי־סטריט, לאָזט זיך אָפּפּוצן די שיך בא א גאַסנאיינגל און הויבט אָן זיין שפּאַציר הין־און־צוריק פאַרביי דעם סאָדעקלייטל וואָס באַם ראָג פון סאָפאָלק־סטריט. דזשייק איז פּשוט היפּנאָטיזירט פונם דאָזיקן קלייטל. דאָרט שטייען עטלעכע יונגע בחורים און ארבעטן ווי די שדים ארויסטיילנדיק גלעזער סאָדעוואסער, פּעקלעך סיגאַרעטן, שאָקאָלאַדן און צוקערקעס. בא דער שפּיגלנער וואַנט קלינגט נאָכאַנאַנד דער רעדזשיסטער. קונים קריגן אין די הענט אריין פּענים און ניקלס, כאַפּן א צייטונג פונם טישל בא דער טיר און וואַרפן צוריק די פּענים — און פּליסן אָפּ, און אנדערע פּליסן צו, און — און —

מ'זאָגט, א סברא, אז אָט דאָס קרעמל איז ווערט צען טויזנט טאָלער. איר הערט? ... א סאָדעקרעמל פאַר צען טויזנט טאָלער! אמעריקע... פּרוואוו דערצייל עס אין דער היים, אין „יוראָפּ", וועט מען דיך האַלטן פאַר א ליגנער. דזשייק איז א פּאָר מאָל געווען א בעלן צו שטיין א האַלבע שעה נאָכאַנאַנד און זיך משער זיין וויפל

מ׳נעמט אריין פאר דער צייט, נאר ער זיך אלעמאל פארפלאנטערט אין חשבון. וואס איז דא צו ריידן? צו אזא קרעמל קאן ער ניט צוקומען — קאן ער ד ע ר ו ו י י ל ניט צוקומען. מ׳עט מוזן אנהויבן ערגעץ אין א זייטיקער גאס — מ׳עט מוזן אנהויבן פון קליין — און דערנאך וועט מען זען. איז טאקע ווידער די אייגענע מעשה: חתונה האבן. ווארים אז מ׳וויל "זיך ארויפארבעטן", מוז מען — — —

דזשייק האט שוין אפילו געווארפן אן אויג אויף א מידל — א האלב אויג, א פערטל אויג, מחמת עפעס קאן ער ניט דערגיין קיין טאלס אין דעם דאזיקן מידל. א באנקביכל האט זי, אבער — ו ו א ס פאר א באנקביכל, . . . מ׳קאן האבן א באנקביכל ווען מ׳לייגט אריין איין איינציקן דאלער. אלץ הייסט א באנקביכל! פרעגן דירעקט איז ניט שייך געוועזן, און זי — זי גראגערט אפילו נאכאנאנד און לאכט אסך, נאר וועגן דעם ענין באנקביכל פאררעדט זי זיך קיינמאל ניט. זי איז מיר א צו קלוגע, אטדי סוזי די הוטפוצערין. און זאקן טראגט זי זיידענע און היטעלעך מאכט זי זיך שיינע, איז אפשר ה א ט זי געלט און אפשר — ב ר י י נ ג ט ז י א ו י ס געלט. וואס איז שייך שיינקייט, איז זי אזוי זיך — א ווייבספארשוין, שוין אביסל אין די יארן, מיט בלאנדע האר — המ... בלאנדקייט, היינטיקע צייטן, קאסט א ו י ך געלט — און א גלאטן האלדז, און — און נאך זאכן.

איינמאל, אין א זונטאג נאך מיטאג, האט ער זי "אויסגענומען". סוזי איז געקומען אן אפגעזייפטע, אן אנגעפודערטע, מיט העלרוזשירטע ליפן. זי האט געשיינט ווי א מעשענער סאמאוואר מיט אירע בלאנד־געפארבטע האר און האט געשפריצט מיט געמאכטער פריילעכקייט. אויך זי איז געוועזן נייגעריק וועגן דזשייקס באנקביכל און אויך זי האט ניט געפרעגט דירעקט, נאר געטאפט ארום די זייטן. זי איז אויך געוועזן אביסל באאומרואיקט וועגן זיין "כאראקטער". וואס פאר א כאראקטער האט ער? א מענטש — א ווייבם א מאן, הייסט עס — דארף האבן א כאראקטער! —



ווארפן זיך מיט געלט איז קיין שכל ניט, האט ער זי מכבד געווען מיט א גלעזל סאדעוואסער — טאקע אין יענעם קרעמל וואס אויף דילענסי־סטריט, וואס בא סאפאלק־סטריט. ער האט דערביי געהאט אויך א טיפערן מיין. ווי געפעלט עס איר, סוזין, אטדאס קלייטל? א קליין קלייטל, א נישטיק קלייטל, אה? ... כא־כא! ווייסט זי, סוזי, אז אטדאס קלייטל איז ווערט צען טויזנט טאלער? ... — סוזי האט אים אנגעקוקט מיט א פארשנדיקן בליק. וואס מיינט ער דערמיט צו זאגן? ... וואס ווינקט ער צו איר מיטן אייגל (וואו איז זיין ברעם! וואס ט׳ער געטון מיט זיין ברעם!)? ... זאל ער האבן אזוי פיל געלט, אז...

זיי האבן לאנג ארומגעשפאצירט איבער די גאסן, און דזשייק האט זי ווידער טראקטירט מיט א גלעזל סאדעוואסער — פאינעפל. סוזי גלייכט עפעס פאינעפל? ער, דזשייק, וואלט גאר קיין אנדער זאך ניט געטרונקען, נאר פאינעפל! — סוזי האט זיך אביסל אנגעכמורעט און געטרונקען פאינעפל. נאר אז ער האט איר שפעטער ווידער אנגעבאטן סאדעוואסער — "אדער אפשר א "מאלטעד", אה? א זעטיקע זאך, א "מאלטעד", כמעט אזוי ווי עסן..." — האט זי זיך אפגעזאגט דערפון און זיך אינגיכן צעזעגנט מיט אים: זי איז הונגעריק ווי א וואלף, און ער קארמעט זי מיט סאדעוואסער! —

איז אטאזוי איז עס געהאנגען צווישן יא און ניין.

.4

דערנאך האט די באנק געפלאצט. —

.5

דזשייק בערעזע — אטדער מיט דער אויסגעקראכענער ברעם און מיט דער פלייצע פון אונטערטעניקייט און אן־א־שיעור־געדולד — איז שטונדנלאנג, צוזאמען מיט אנדערע דעפאזיטארס, געשטאנען

איינגעהויקערט בא דער טיר פון דער געשלאָסענער „עווריבאָדי'ס בענק", און זיין בליק איז געווען גרוי ווי דער רעגנדיקער טאָג ארום — און גרויער. דער שאַפּ אין די וואָלקנס איז שוין לאַנג אוועק אהין "וואוהין דער שבת־קודש גייט אוועק" — דער דאָזיקער שאַפּ, דעם אמת געזאָגט, האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין גרויסע ממשות — און דער הארטער סאָדע־שטיין איז צעגאַנגען ווי שניי; סוזים גלאַטער האלדז אויך דאָס נעמלעכע — און דזשייקן האָט זיך פּלוצים אָנגעהויבן דאכטן, אז סוזי איז אים געווען זייער נויטיק. בכלל האָט דזשייק כמעט פון גאָרניט ניט געטראַכט, נאָר א פליג האָט געזשומעט בא אים אין מוח — אַן איינגעגעסענע, איינטאָניקע פליג: מ'עט מוזן אָנהויבן פון אָנהויב. פון סאַמע אָנהויב. פון סאַמע, סאַמע, סאַמע אָנהויב. —

א צייטונגסרעפּאָרטער מיט א קיילעכדיקן פּנים און א פריילעכן כאַראַקטער האָט זיך ארומגעדרייט צווישן דעם עולם און האָט צוגעלייגט אַן אויער דאָ און דאָרט: זיין צייטונג האָט געוואָלט וויסן "די שטימונג פונם פאָלק". מ'האָט איבערגעגעבן, אז פריינט פון די דירעקטאָרן האָבן ארויסגעצויגן גרויסע געלטער ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק, און ענלעכע קלאַנגען, נאָר בכלל איז מען געשטאַנען דערשלאָגן און שטיל ווי די שאָף. דער הימל איז געווען פאַרצויגן ווי מיט א רויך, און א דין שפּריצל האָט געשטויבט מיט וואסער איבער די געבויגענע קעפּ. דער פּאָליסמאַן האָט אַלעמאָל דערמאָנט וועגן זיך, כדי מ'זאָל אָן אים ניט פאַרגעסן: "אין דער ריי אריין! רוק זיך ניט ארויס, דו דאָרטן — וואוהין קריכסטו, וואוהין!" דערנאָך איז מען ווידער געשטאַנען שטיל און געוואַרט — קיינער האָט ניט געוואוסט אויף וואָס מ'וואַרט.

דער רעפּאָרטער האָט געשטעלט פראַגן צו אייניקע מענטשן, אנדערע האָט ער דערמוטיקט מיט א מונטערן שמייכל, און ער האָט געכאַפּט א שמועס מיט דזשייקן. "באַם פאָלק — האָט ער שפּעטער גע־שריבן אין א "ספּיקיזי", בא געקנאָבלטע קאַרנאַצלעך מיט ווין — באַם פאָלק איז דאָס הארץ אויפן ריכטיקן פּלאַץ. קיינער איז בא



זיך ניט געפאלן. קיינער האָט ניט פארלוירן דעם מוט. און איינער האָט מיר אפילו געזאָגט: "נעווער מיינד! מ'עט אָנהויבן פון אָנהויב! . . ." איך מוז זאָגן, אז מיר האָבן זיך געשטעלט די טרערן אין די אויגן. אָט דאָס איז דער גייסט וואָס האָט געמאַכט אמעריקע גרויס!" —

## ב. גרייפּפרוכט און זונזאַלן

.1

מיט איין שטייג ארויף איבערן לייטער האָט סוזי די הויפּצערין גע־טראָפן, פון רידזש־סטריט, גלייך אין בראָנקס אריין, אויף וואָלטאָן־עווניו, וואָס דאָס איז שוין טאַקע איין טראָט פון גרענד קאָנקורס.

פאַר מיידלאַך איז דער וועג פון "ארויפארבעטן זיך" אַן אנדערער און — אויב ער געלינגט — א קירצערער.

א שטיקל באגריף וועגן דעם האָט סוזי געהאַט נאָך פון דער היים, פון יעליסאַוועטגראַד; נישטמער, דאָרט האָט עס געהייסן "אוס־פּעיען", אָדער "זיך פּריסטראָיען", און איז געווען א גאָטזאַך, ווייל טון עפּעס דערצו האָט מען ניט געקאָנט. די ערשטע יאָרן אין אמעריקע האָט סוזי ניטשלעכט פארדינט און אָפּגעגעסן פאַר די יעליסאַוועטגראַדער צייטן. און דערווייל האָט זיך געמאַכט א בחור וואָס סוזי האָט זיך פון אים שטאַרק אָנגעליטן, ווייל ער האָט "גאָר־נישט ניט געמיינט", און דערנאָך האָט זיך געמאַכט אַן אנדער בחור וואָס האָט זיך פון סוזין שטאַרק אָנגעליטן ווייל ז י האָט "גאָר־נישט ניט געמיינט". סוף כל סוף האָט זיך סוזי געכאַפּט, אז ס'איז צייט ערנסט א טראַכט צו טון פון "ארויפארבעטן זיך" — וואָס פאַר מיידלעך איז דער טייטש דערפון "אוספּעיען".

אַז די באַנק האָט געפּלאַצט איז סוזין אפילו גרוימער געוואָרן אין קאָפּ: דער דאָזיקער דזשייק איז איר ניט געווען צום הארצן—אַ זליד־אַסך געלט. איצט האָט סוזי די דאָזיקע קאָרט אַוועקגעוואָרפן מיט אַ גרינגער האַנט, און זונטאָג האָט זי זיך אַוועקגעלאָזן מיט אַ ווי־ניע אַ בחור: "פּאַינעפּל!" — נאָר זי האָט געמיינט אַז ער האָט זיט אין בראָנקס, צו איר חברטע טילי פּיש.

.2

דער טאָג איז געווען אַ נאָכפּסחדיקער, די זון איז געפּאָרן נאַשפּיץ איבער אַ פּערלמוטער־הימל, און מענטשן אויף רידזש־סטריט האָבן געטענהט אַז די לופט איז "ווי ווייַן". די לייט פון רידזש־סטריט האָבן וועגן וויין געהאַט אַ פאַרנעפּלטע פּאָרשטעלונג, און דער ווייַן וואָס זיי האָבן געהאַט אין זינען איז געווען אַזאַ ווייַן וואָס האָט געהאַט דעם טעם פון דער לופט אין יענעם נאָכפּסחדיקן טאָג — אפילו אויף רידזש־סטריט. סוזי האָט זיך אויפגעזעצט אויף דער סעקאָנד־עוועניו־הויכבאַן — "על־באַן" רופט מען דאָס בקיצור — בּאַ ריווינגטאָן־סטריט, און אַזוי ווי די ביינק זענען געווען באַזעצט, האָט אַ בחור אָן אַ היטל, מיט שטיפע רויטע האָר און טייקאָלירענע אויגן, איר אָפּגעטראָטן זיין פּלאַץ און אַליין איז ער געבליבן הייג־גען אויפן רימען דירעקט נעבן איר. סוזי האָט געטראָגן אַ קורץ קליידל פון טאַבאַק־פאַרביקן שעוויאָט שטאָף שטייף ארום די היפטן, אַ בלוזע אָן אַ קאָלנער ארום דעם פולן בוזים — און אירע געלע האָר. די בלוזע איז געווען פון קרעם־קאָלירטן זייד מיט ברייטע ווייַנשלרויטע שטרייפן וואָס זענען געלאָפן אַראָפּ און קרום איבער איר לינקער ברוסט און זענען פאַרשוואונדן אונטערן צווייטן פליגל פון דער בלוזע אויף איר רעכטער ברוסט, און אין דער מיט — אַ גלאַטער ווייסער האַלדז און אַ גלאַטער ווייסער אויסשניט אין דער פאָרם פון „טויז רויט", וואָס זיין דינער אונטערשטער שפּיץ האָט געזונקען צווישן — נו... אהין טאַקע האָט דעם בחורס בליק זיך אַ גליטש געטון פון זיך אַליין, און סוזי האָט זיך אָנגע־כאַפּט מיט אַ האַנט ביים אויסשניט און תיכף אַראָפּגעלאָזן זי צוריק



נאָ איר זייט. סוזי האָט זיך פאַרקוקט אין איין זייט און דער בחור אין אַ צווייטער. די וואַרעמע קאָלירן פון קרעם ביז רויט האָבן געשפּילט איבער זייביידן, און פאַרלעגנהייט איז געהאַנגען צ ו ו י ש ן זיי ביידן. צום סוף האָט עס דער בחור ניט אויסגע־האַלטן, און אַז אַ זיץ איז פריי געוואָרן אויף דער אַנטקעגנדיקער באַנק האָט ער אים ניט פּשוט פאַרנומען, נאָר פאַרכאַפּט. פון דאָרטן האָט ער פון צייט צו צייט געוואָרפן בליקן אין סוזיס זייט. סוזי האָט געענטפערט. אַ געזונטער בחור, נאָך גאָר אַ יונגער, מיט אַ רויטלעכן קאַרק און אַ פּאָר "ווייַנפּערלעך" אויפן פּנים — המ... די פּלייצע ברייט און אַביסל אויסגעקיילעכט — אַ ספּאָרטסמאַן. אָן אַ היטל — אַ סטודענט, מסתמא. אויף וואָס, אַשטייגער, לערנט אַזאַ בחור — אויף דאָקטאָר אָדער אויף לאָיער? אַ דאָקטאָרשע אָדער אַ לאָיערשע — דאָס איז שוין גאָרניט דאָסזעלבע וואָס זיצן אין שאַפּ, אָדער אפילו אין אַ סאָדעקרעמל... אַזאַ בחור הייסט מסתמא אוירווינג אָדער, זאָגן מיר, סידני. "מעג איך אייך באַגלייטן אהיים, מיס סוזי?"... און אין דער פינצטערניש פון האָל — אַמעריקאַנער בחורים זענען שוין גאָרניט קיין פאַרשלאָפענע... "אָך, פּליז!" — "פּליז יאָ, אָדער פּליז ניט, מיס?..." כאַ־כאַ! נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל — און אַ גאָלדן פינגערל, אַן אַפּאַרטמענט אין בראָנקס און אַן אָפיס דאַון־טאַון... אַ "שעווראָלעי", אָדער אפשר אַ "דאָדזש"... זומער — אין די בערג, אָדער באַם ים אין ראַקאַוועי־ביטש. בלויע כוואַליעס, הונדערטער ווייסע לייבער, און אַ בלענדיקע זון, אָט אַזוי ווי היינט. סוזי האָט ליב איר באָד־נאָר־ניטער פון שוואַרץ מיט מאַראַנצנקאָליר, און זי ווייסט אַז זי האָט זיך ניט וואָס צו שעמען מיט איר פיגור. דער מאַן איז אין אָפיס און וועט אַרויסקומען ערשט פאַרנאַכט, און דאָ דערווייל גיט איר אַ בחור אַ לעקציע אין שווימען — אַ בחור מיט אַ געזונטן קאַרק און רויטע האָר, וואָס הייסן הייסט ער מסתמא אוירווינג אָדער סידני, און באַם לערנען זי שווימען דריקט ער זי צו צו זיך אַזוי, אַז עס פאַרכאַפּט איר דער אָטעם. ער באַגלייט זי אהיים און אין האָל פון הויז — "אָך, פּליז, פּלי־יז!" —

באַ דער נײַן־און־נײַנציקסטער סטריט איז דער בחור אַרויס פֿון וואַגאָן, און מיט אים זענען אַוועק ביידע סידנים. ווער האָט עס געזאָגט, אַז דער טאָג איז אַזוי שײַן און אַז די לופֿט איז ווי ווײַן ? ! אַ טאָג ווי אַלע טעג און אַ לופֿט ווי — ראָזשינקע־ווײַן . . . דאָס הייסט, דער טאָג איז טאַקע אַ שיינער, נאָר וואָס קומט אַרויס דערפֿון, אַז...

.3

— בחורים ? — האָט טילי געזאָגט. — דו זיי ניש' קיין נאַר. בחורים קריגט מען נאָך דער חתונה אויך. ערשט נ אָ ך דער חתונה קריגט מען זיי — ווען זיי האָבן נישט וואָס אײַנצושטעלן.

טילי האָט זיך געפּוצט די נעגל און אַביסעלע "געשפּילט". איז'ן איז זי אַ קלײנינקע, אַ שוואַרצינקע, אַ מיאוסינקע — אַ "פּיקאַנטע מיאוסקייט". ריידן רעדט זי דריבנע, ווי אַ פֿייגעלע, איר אײנעמען פֿאַמיליענאָמען שפּרעכט זי אויס : "פּיש־ש־ש", מיט דרײַ שינען, אײגן קינד. ווי די מערסטע אידישע פֿרויען פֿון רומעניע, האָט זי אין זיך עפּעס אַזוינס וואָס איז שווישפּילעריש, און אַלעמאָל איז זי "אויפּריכטיק" : אי אַזוי, אי פּונקט פֿאַרקערט, אָבער אין יעדער געגעבענער סיטואַציע — אינטים־פּאַרטרוילעך און "אויפּריכטיק". יאָ. —

— ער איז שוין אָבער אַ מענטש אין די פֿערציקער — האָט סוזי געזאָגט.

טילי האָט פֿאַרדריקט מיט די אַקסלען.

— ווּעסט האָבן אַ היים. ווי לאַנג נאָך ווילסטו זיצן אין שאַפּ ? איך געדיינק נאָך גוט די יאָרן ווען מיר האָבן ביידע געאַרבעט אין איין שאַפּ. זײַ ליגן מיר אין מאָגן. אָט דער מיסטער קאַץ — אַן אַלמן, אָן קינדער — ער וויל דיך, דו געפֿעלסט אים, און אַזוי־וויי





די ביזט אַזויפֿיל אינגער פֿון אים, וועט ער פֿאַר דיר מאַכן אַ גוטע היים. געוויס, מ'דאַרף קאָנען אויסקומען מיט מענטשן . . . ער איז נישט רײַך, אָבער נישט אָרעם : ער האָט אַ גראָסערי ערגעץ אין אַ מאַרקעט, און ער מוז האָבן געלט אַחוץ דעם. דאַכט זיך, אַז ער האָט עפּעס אַ הויז אויך, צי לאָטס — היימאַן ווייסט עפּעס וועגן דעם. איבריגנס — טו ווי דו פֿאַרשטייסט. איך וועל אים אָפּרופֿן און אײַנלאַדן אויף דינער, אַה ? —

סוזי האָט געהערט, ווי טילי האָט, ריידנדיק דורכן טעלעפֿאָן, געזאָגט : "... איר וועט טרעפֿן עמיצן וועמען איר ווילט זען . . . ברײַנגט אײַער קאַר . . . יאָ". דערנאָך איז זי געקומען צוריק צו סוזין:

— פֿאַרגעס ניט, אַז ווען איך האָב חתונה געהאַט מיט היימאַנען, איז שוין זײַן ווילי אַלט געווען זעקס יאָר. און־ן־ן — איך באַקלאָג זיך ניט.

— אָה, דו האָסט זייער גוט אויסגעפּיעט ! — האָט סוזי געזאָגט און געוואָרפֿן אַ בליק אַרום אויפֿן רײַך־מעבלירטן שלאָפֿצימער. די פֿישעס האָבן באַוואוינט אַן אײגן פּריוואַט־הויז — פֿיר חדרים אונטן און דרײַ שלאָפֿצימערן אויפֿן צווייטן שטאָק.

— איך באַקלאָג זיך ניט — האָט טילי איבערגעזאָגט. — היימאַן האָט מיך ליב, און איך קום אויס גוט מיט ווילין און אויך מיט היימאַנס שוועסטער ליזען, כאָטש זי איז צײַטנווײַז אַביסל — ע — אַביסל שווערלעך, מיט איר שווײַגן און מיט איר האַלטן זיך גרויס.

זי האָט געטראַכט אַביסל און דערנאָך זיך פֿאַרנומען אָן אַ זײַט — אויפֿן ערשטן קוק, ווײַל אין דער אמתן האָט זי געצוויגן אַ פּאָדים וואָס זי האָט פֿריער געהאַט אָפּגעלאָזן :

— די מענער האָבן ליב מ'זאָל זיי נאַרן. אַ פּאָר יאָר נאָך אונדזער חתונה איז באַ אונדז אַרויסגעקומען עפּעס אַ שמועס, און היימאַן האָט געזאָגט אַז ער טרויט מיר, ער איז זיכער אַז איך האַלט אַנדערע

מענער פון זיך פון דער ווייטן. "וואָס זשע? — האָב איך אים געזאָגט — דו ווילסט מיר איינריידן, אַז דו גיסט ניט אַמאָל אַ קוש אַ שיין ווייבל אָדער אַ מיידל? דאָס, זעסטו, וועל איך דיר ניט גלויבן. איז פאַרוואָס זשע פאַרלאַנגסטו עפּעס, אַז איך זאָל זיין הייליקער פון דיר?" ער איז דעמלט אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג אָן אָנגעבלאָזענער. באַנאַכט איז ער אַריין צו מיר אין בעט און מאַכט אַזוי: "טילי... דערפאַר וואָס דו ביזט אַזאַ אָפענע, אָן אמתדיקע, האָב איך דיך נאָך מער ליב. נאָר וואָס דען? — גיי נישט צו ווייט..." נו, — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ דין שמייכעלע — איך האָב אים צוגעזאָגט נישט צו גיין — ע — צו ווייט. —

.4

פון די מענטשן וואָס סוזי האָט דאָ היינט באַגעגנט האָט זי געקענט פון פריער בלויז היימאַנען און ווילין און דער מיסטער העניך קאַץ.

היימאַן פיש איז אַ שווערער, גרויסער מאַנספּאַרשוין פון איבער צווייהונדערט פונט, מיט אַ גלאַטן פּנים אָן באָרד־און־וואָנצעס, אַ מענטש וואָס מיט זיין אויסזען דערמאָנט ער שטאַרק אָן דעם קינאָ־אַקטיאָר "פּעטי" אַרבאָקל. היימאַן פיש איז אַ מענטש וואָס נעמט זיך ניט צום האַרצן. נאָך פיר יאָר צוזאַמענלעבן, קוקט ער נאָך אויף זיין ווייב מיט אַ שמייכל פון באַוואונדערונג: אים געפעלט איר שטענדיק "שפּילן", איר טאַקט און אומגאַנג מיט מענשן, איר אביסל צינישע חכמה, איר נעמען דאָס לעבן מיט לייכטקייט און פריילעכקייט. היימאַן פיש האַלט שטאַרק פון טילי פיש־ש־ש — און נאַרט זיך ניט אין איר.

נעבן טילין איז געזעסן ליזע פיש, אַ מיידל פון אַ יאָר אכטאונצוואַנציק, אַ הויכע, אַ פעסטע, אַ שיינע, מיט אַ שטייענדיקער, מענערשער שוואַרצער שעוועליורע, מיט אַ בליק אַ ווייטן און אַ פרעמדן, מיט דינע, רויטע און געקרייזלטע ליפּן. זי האָט זיך געלאָזט דערקענען צו סוזין מיט אַ קליינעם שאָקל פון קאָפּ און איז צוריק אַוועק מיט די אויגן אין אירע ווייטקייטן.





קעגנאיבער, אויף דער צווייטער זייט טיש, איז געזעסן, אָדער גיכער — נ י ט א י י נ ג ע ז ע ס ן קיין מינוט רואיק אויף זיין ביינקל דער צעניאָריקער ווילי, מיט זיין בלאָנדן שטערנלאָק, מיטן גלייכן נעזל, מיט אַ ברייטן קאָלנער פון ווייסן העמד אַריבערן גרויען רעקל. ער גייט אין שלום־עליכם־שול "נומער צוויי", פאַרשטייט אידיש און ענטפערט אויף ענגליש, און פּאַ און מאַ רעדט ער אויס פּאַו און מאַו. בא אים אויף די קני — זיין הינטל טעדי, דער גרויס ווי אַ גאַניץ, מיט טויזנט אינטערעסן פאַראַמאָל און פונקט אַזוי אומרואיק ווי זיין האַר ווילי. טעדי האָט אַ ווייסע פעל, אַ ברוינעם פלעק אַרום אַן אויג, איין אויער פאַרשפּיצט אַרויף און דאָס צווייטע האַלב אַראָפּגעלאָזן און לויז ווי אַ שמאַטע, וואָס דאָס גיט אים צו אַן אויסזען פון אַ מסוכנעם הפקר־יונג.

נעבן איינקל האָט פאַרנומען אַ שטול דער זיידע, היימאַנס פאָטער, זרח פיש — דער איינציקער מענטש צו וועמען ווילי רעדט אידיש, ווייל אידיש איז אַן ענין פאַר זיידעס און באָבעס. זרח איז אַ איד פון אַ יאָר פינפאונזעכציק, אַ קליינער, אַ ראָזיקער, אַ גרויער, מיט אַ גלייכן רוקן ווי אַ סאָלדאַט אויף פּאַראַד, וואָס דערמאָנט פונדעסטוועגן אָן אַ ביקס וואָס האָט שוין ניט געשאָסן זי־געדיינקט־שוין־אַליין־ניט־פון־ווען־אָן. אין זיין יוגנט איז ער טאַקע געווען אַ סאָלדאַט, אַ שטיק בעל־עבירהניק, און איצט בחורט ער זיך נאָך יענעם מוסטער. וואוינען וואוינט ער אין ברוקלין בא זיין עלטערער טאָכטער און זיין איידעם דעם חזן און אהער קומט ער אַמאָל אויף אַ זונטאָג צו־גאַסט. נעבן אים איז געשטאַנען אַ שיסעלע מיט גרינס און סמעטענע. ער האָט געטראָגן אַ האַרטן קאַפּעליוש, און פון צייט צו צייט האָט ער זיך מיט אים געפאָכעט, קלאָמערשט פון דער היץ, און געהאַט אַ זינדיקע הנאה: גילוי ראש.

באַם עק פון טיש, זייט בא זייט מיט סוזין, האָט די באַלעבאָסטע אוועקגעזעצט דעם מיסטער העניך קאַץ. ער איז געזעסן באַם טיש מיטן סערוועטל אין שטייפן קאָלנער פון בלויען העמד, אַ קורץ־געשוירע־נער, אָן אָפּגעגאָלטער, מיט אַ ברוינעם קראַוואַט און אין אַ טונקל־

בלויען אַנצוג. זיינע באַקן הויכבייניק אונטער די אויגן און זיין מינע איז אַ צעטראָגענע, ווי פון אַ מענטשן וואָס זאָגט איין זאַך און אין זינען האָט ער עפּעס אַנדערש. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן אַריינגערוקט אין די אַקסלען און האָט געשוויגן אין פאַרלעגנהיים, ניטקוקדיק דערויף וואָס טילי האָט זיך געמיט אים אַריינצוציען אין אַ געשפּרעך.

דערלאַנגט צום טיש האָט די דינסט נאַסטיאַ, אַן אוקראַיניש מיידל מיט אַ טייגווייסן פּנים, אַ זאַמדקאָלירענעם צאָפּ און אויגן בלויע און גרויסע ווי בא אַ קאַלב, נאָר פונדעסטוועגן מיט אַ שׂרל אין זיי.

מ'האָט אָנגעהויבן פון גרייפּפרוכט. "אַ מאָדנע פּאַרשפּייז!" — האָט סוזי פון רידזש־סטריט געטראַכט: זי איז געוואוינט געווען צו געהאַקטן הערינג אָדער לעבער. הײמאַן פיש האָט געגעסן געלאַסן, רואיק, מיט אַ גינציקער מינע קעגן דער וועלט אין אַלגעמיין, און — פּאַרציע נאָך פּאַרציע. סוזי האָט געשטוינט קוקנדיק. הײמאַן פיש איז געווען אַן אַכלער. דאָקטוירים האָבן אים שוין לאַנג געוואָרנט, אָבער ער האָט זיך ניט גענומען צום האַרצן.

דעם שמועס באַם טיש האָט אָנגעהויבן טעדי: ער האָט אַ נייס געטון. טילי האָט געזאָגט — ווייך, מיט טאַקט, ווי אַלעמאָל:

— ווילי?... ס'וואָלט גלייכער געווען — צו האַלטן טעדין באַ... באַזונדער. ער קאָן עסן — אַנדאָרט אין ווינקל.

דער זיידע, זרח פיש, האָט אונטערגעהאַלטן:

— אַ הונט באַם טיש — פּ־פּע! וואָס דאַרפסטו אַ הונט באַם טיש?... ניטשיין...

— ווילי... — האָט הײמאַן אַריינגעשטעלט מיט אַ טאָן פון איינעם וואָס נעמט זיך ניט צום האַרצן — דו הערסט וואָס די מאַ זאָגט?



ליזע פיש האָט געוואָרפן אויף ווילין און טעדין אַ בליק ערגער פון מיילן ווייט. סוזי און העניך קאָץ האָבן זיך ניט געמישט.

— מאַו... — האָט ווילי געענטפערט און גענומען אַרומרוקן זיך איבערן ביינקל. ער האָט זיך ניט געפילט בכח צו דערקלערן פאַרוואָס, אָבער ער האָט בפירוש ג ע מ ו ז ט האָבן טעדין באַם טיש.

— אַז איך זאָג דיר שיק איך אין אַ תלמוד־תורה — האָט זרח געזאָגט צום זון — ווילסטו מיך ניט פאָלגן.

— איז וואָס וועט זיין? וועט ער זיך ניט שפּילן מיט קיין הינט?

— הינט... וואָס עפּעס נאָר הינט?... — האָט דער אַלטער סאָלדאַט סטראַטעגיש פאַרלאָזן איין פּאָזיציע און תיכּף פאַרנומען אַ צווייטע — וועט ער זיך לכל הפּחות אויסלערנען דאַוונען... איך וויים, אַז ער וועט ניט דאַוונען, אָבער קענען מעג ער דאָך! און וואָס פאַר אַ פּאַלזע וועט ער האָבן פון דיינע היינטוועלטיקע סקולס? קיין אידיש וויל ער סיי־ווי־סיי ניט ריידן...

— אַביסל העברייאיש לערנט מען אין די שלום־עליכם־שולן אויך — האָט הײמאַן געזאָגט. — אַזויפיל ווי אין אַ תלמוד־תורה וועט ער זיך דאָרט אויסלערנען. אָבער אידיש... ווילי, פאַרוואָס טאַקע רעדסטו ניט קיין אידיש, אַה?...

ווידער אַ דערקלערונג! נאָר גיב זיי דערקלערונגען! ווילי האָט זיך אָנגעכמורעט.

— ביקאָז!... — האָט ווילי דערקלערט.

הײמאַן האָט אים אָנגעקוקט מיט אַן אומבאַהאָלפענער מינע.

— אָה, לאָז געמאַך! — האָט ליזע אומגעדולדיק געזאָגט. דאָס איז געווען דער איינציקער שפּרוך וואָס זי האָט געלאָזן פאַלן בײַם טיש.

5.

אינמיטן עסן זענען ארויפגעקומען נאָך צוויי געסט: בעטי סוואָרטץ און יעקב לאַפּידעס.

בעטי סוואָרטץ איז אַ ליטעראַרישע דאַמע. זי שרײַבט פאַר דער "זון" ראָמאַנען און "לעבנסבילדער". סוזי פאַרלייענט זיך מיט אירע מעשׂות וועגן אַ וועלט וואוהין עס האָט סוזין אַלעמאָל געצויגן. די שרייבעכצן פון בעטי סוואָרטץ ווערן דיסקוטירט בײַם באָדן זיך אין קוני-איילענד — אין ראָקאַוועי-ביטש — און אַפילו אין אַט־לאַנטיק סיטי. פאַר בעטי סוואָרטץ זענען אַנטפּלעקט די געפילן פון די "ניטפאַרשטאַנענע" ווײַבלעך פון גרענד קאָנקורס און אומגעגנט. "זע נאָר: פונוואַנען ווייסט זי דאָס, איך בעט אײַך, וואָס בײַ מיר אין הארצן טוט זיך? ... אזויווי זי וואָלט געווען דערבײַ!..."

בעטי סוואָרטץ איז בלאָנדלעך — אַ האַרעלע גרוילעך — יונגט־לעך, ניטגעקוקט אויף אירע אזויפיל יאָר און אויף איר זעכצן-זיבעצן-אַכצן-יאָריק מיידל. איר גרעסטע אַמביציע איז צו דערשלאָגן זיך צו "האָליוואוד" — שרײַבן סצענאַריאָס פאַר קינאָ־בילדער — און זי פאַרלאַנגט פונם זעצער אין דער רעדאַקציע: זעץ "סוואָרטץ" און ניט "שוואַרץ".

יעקב לאַפּידעס, אַ רעפּאָרטער און "פּיטשור"-שרײַבער אין דער זעלבער "זון" — אַ "מענטש מיט אַ גוטמוטיקן פּנים און אַ פּריי־לעכן כאַראַקטער", ווי ערגעץ אויבן שטייט געשריבן — לייגט אויס זיין נאָמען דורכאויס אין העברייאיש: "לפּידות" — און עס העלפט אים ניט. לאַפּידעס קומט אַריין אין "נאָר הויכע" הייזער פון דײַטש־שע יאַהודים; ער האָט אַ צוטריט ניטבלויז אין יעדן פּאָליציי־צירקל, נאָר אַפילו צום פּאָליס-קאָמישאַנער אַליין; ער קאָן טון איינעם אַ טובה דורך פּאָליטישענס, און טוט טאַקע: ער איז אַ



"גוטערברודער"; ער קאָן אײַך קריגן דורך בוטלעגערס אזויפיל שנאַפּס וויפיל איר ווילט; ער האָט איינמאָל געהאַט אַ געשפּרעך מיטן באַנדיט אַל. קאַפּאָנע אַליין. און דאָס אַליץ האָט אים ניט גע־האָלפן — צו ווערן אַ מיטגליד אין פּע"ן-קלוב. דאָס איז זיין קראַנ־קער, שטענדיק נאַגנדיקער, צאָן. פאַרוואָס זאָל מען אים ניט אַרײַנ־נעמען אין פּע"ן-קלוב? "פּאָעטן, עסעאיסטן, נאָוועליסטן" — ער, לאַפּידעס, האָט געשריבן "עסעיען": וועגן די פיש אין אַקוואַריום — וועגן דעם העלפאַנט טומטו פון זאָאָלאָגישן גאָרטן — וועגן די שולן פון די שפּאַניאָלן און וועגן אידן אין קאַליפאָרניער גאָלד־נע־לאַף פון 1849 — און טאַקע אַן עסעי איבער דעם אויבנדערמאָנטן אַל. קאַפּאָנע, און אין דעם דאָזיקן עסעי האָט ער באַוויזן, אַז אַל. קאַפּאָנע איז אַ — "אַ פּערזענלעכקייט". ניט געקוקט אויף דעם אַלעם, איז ער דורכגעפאַלן בײַ דער אָפּשטימונג צום פּע"ן-קלוב. לאַפּידעס האָט זיך ניט געפּוילט און האָט אָנגעבעטן אַ מיטגליד אים נאָכאַמאָל פאַרשלאָגן — און איז נאָכאַמאָל דורכגעפאַלן. לאַפּידעס איז געוואָרן אַ שונא פון פּע"ן-קלוב: "אַ קליקע — זאָגט ער. — עס זיצט דאָרט אַ קליקע און לאָזט קיינעם ניט צו!" — נאָר זיין שנאה איז אַן אָנגעבראָכענע, מיט אַ שטשערבע: ער האָט נאָך אַ האָפענונג — אפשר, טאָמער. ער וואָלט אפשר געזוכט שעדיקן מיט עפּעס דעם קלוב, אָבער וואָס קאָן מען טון צו אַ קערפּערשאַפט וואָס — וואָס טוט אַליין גאָרניט? ... ליידט לאַפּידעס אינדערשטיל און וואָרט אויף עפּעס.

פון עסן האָבן זיך די צוויי אָפּגעזאָגט, און איידער זיי האָבן באַ־וויזן זיך אוועקצוזעצן איז ארויפגעקומען יאַלקוט, הײַמאַנס אַ פריינט נאָך פון די יאָרן פון די אַנאַרכיסטישע יום-כיפּור-באַלער. יאַלקוט איז אַן עלטער בחור, אַ קליינער, אַ דאַרער, מיט אַ רויטן פּליאַם אויף דער רעכטער באַק און מיט אַ ביינלפּאַרמיקן פּליך אויפן קאָפּ: אַ קרענצל האָר בײַם ראַנד און אַ קאַמיש צעפּל אויף דער סאַמע קרוין, ווי בײַ די אַמאָליקע קאָזאַקן. זיין בליק איז אַ מידער און אַ געדריקטער, וואָס דאָס קומט פון וועלטשמערץ און זויערקייט אין מאָגן. — יאַלקוט האָט געזאָגט, ער איז געקומען נאָך

ליזען: ער האָט בילעטן צום קאָנצערט אין סטאַדיום. עסן וועט ער ניט, נאָר אַ שנאַפּס וועט ער נעמען; און נאָכן שנאַפּס, אַז אויפן טיש האָט זיך באַוויזן אַ געבראָטענע גאַנדז, האָט ער צוגענעגעבן, אַז אויב מ׳וועט אים שטאַרק בעטן, וועט ער אפשר — המ... — נעמען אַ פּולקע. מיט יאַלקוטן איז עס אַלעמאָל אַזוי: פאַר עסן האָט ער מורא, נאָר פון אַ נאַש איז אים שווער זיך אָפּצוזאָגן, באַזונדערס נאָך אַביסל בראַנפן. אויך היימאַן האָט אַ קוק געטון פריינטלעך פריער אויף דער גאַנדז, דערנאָך אויף זיין טילין, דערנאָך ווידער אויף דער גאַנדז, האָט אויסגעטרונקען נאָך אַ שנאַפּס צוזאַמען מיט יאַלקוטן און העניך קאַץ — און גענומען דעם גאָפּל אין האַנט. דער אַלטער זרח האָט געוואָרפן אויף דער ניטכשרער גאַנדז אַ בליק פון קנאה און מיט אַ מינע פון רעזיגנאַציע האָט ער זיך גענומען צו זיינע רעטעכלעך מיט סמעטענע. נאָר דאָ האָט מען ווידער אָנגעקלונגען בײַ דער טיר, און היימאַן פיש האָט מיט באַדויערן צוריק אַוועקגעלייגט זיין גאָפּל.

— דאָס איז צו מיר, — האָט ער געזאָגט אַ קוק טוענדיק אויף זיין זייגער. — אַנטשולדיקט מיר אַ מינוט. איך וועל פאַרטיק ווערן איינס־און־צוויי.

ער איז אַוועק צו דער טיר, האָט דאָרט באַגעגנט עמיצן מיט אַ „האַלאָ" וואָס האָט געקלונגען האַרציק ביז גאָר און האָט יענעם אַריינגעפירט אין אַ זייטיקן צימער. יעקב לאַפּידעס האָט באַוויזן צו וואַרפן אַ בליק אויף דעם באַזוכער און האָט אויפגעהויבן די ברעמען: וואָס טוט, הייסט עס, אַט דער פויגל דאָ אין הויז?...

.6

מ׳האָט געהערט ווי היימאַן באַגלייט אַרויס זיין באַזוכער דורכן האָל מיט אַ ברייטן, האַרציקן געלעכטער ווי ער האָט אים אויפגענומען, נאָר אַז ער איז געקומען צוריק איז אויף זיין פּנים געווען ניט האַרציקייט, נאָר אַן אויסדרוק פון געלאַסנקייט און זאַכלעכ־



קייט: אַ מענטש האָט געטון "ביזנעס". ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צום טיש, צו דער גאַנדז, און זיין פּנים האָט ווידער גוטמוטיק אויפגעלויכטן.

— און וויפיל האָט געקאָסט דעם דאָקטאָרס וויזיט?... — האָט יעקב לאַפּידעס געפרעגט.

היימאַן האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט אַ שמייכל:

— איר קענט אים?

— איך קען קען אַלעמען וועמען ס׳איז נויטיק צו קענען — צוליב איין טעם אָדער אַ צווייטן.

—יאָ. עס האָט געקאָסט מיט רחמנות, ווערליג דעם דזשאַב וואָס איך מאַך — וואָס מיר מאַכן. אָבער די הוצאות וואַקסן פונדעסטוועגן. עס וועט אויסקומען צו רעכענען מער ווי צוואַנציק דאָלער פער צימער, סוף־כל־סוף.

העניך קאַץ האָט פּלוצים געוויזן אַ סימן פון אינטערעס אינם געשפרעך; ער האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס סערוועטל פון קאָלנער און געזאָגט:

— מער ווי צוואַנציק דאָלער? דאָס איז גאַנץ ווייט פונם עסטימייט...

היימאַן פיש האָט געלאַסן געענטפערט:

— דער עסטימייט בויט ניט דאָס הויז. אַן עסטימייט איז אַלעמאָל בלויז אַ בערכדיקע זאַך. אָבער ס׳איז אָן סכנות. וועט מען רעכענען אויף אַביסל אַ העכערן טענאַנט.

— ס'אַ נייע געגנט... — האָט מיסטער קאַץ איינגעווענדט.

— טאַקע ו ו י י ל אזוי. דער "בעסערער" עולם וויל ניט וואוי־נען אין דער גערדיכטעניש. ביז אַ געגנט ווערט געדיכט באַזעצט איז זי אַ „סובאורבאַן". אַ פאָרשטאָט — אַ מין דאַטשע. נו, און דער נייער סאַבוועי... שפּעטער בלייבט שוין דער רענט העכער טאַקע ווייל דער דיסטריקט איז באַזעצט.

מיסטער קאַץ האָט אומרואיק אָפּגעשוויגן. דאָס אַלץ ליגט זיך טאַקע אויפן שכל, אָבער עפּעס אַזוינס האָט אים געקוועטשט. ער האָט ניט געזאָגט ו ו אָ ס עס קוועטשט אים.

יאַלקוט האָט געפרעגט:

— אָבער ווער איז עס געווען בײַ דיר?

— איינער אַ רעיני, ביל רעיני. ער דרייט זיך אַרום די בוי־יוניעס. קיין אַמט האָט ער ניט, נאָר ער טויג זיך אויס אויף אַסך זאַכן. פירט די יוניע אַ סטרייק, איז ער אַרום סטרייק, אַזוי אַרום... אַרום די ראַנדן; ווייל די יוניע נישט אָנערקענען די געזעצלעכקייט פון אַ סטרייק — עס טרעפן אַזעלכע זאַכן... — קאָן רעיני פאָרן און ברייננגען סטרייקברעכער אויך. רעיני — קאָן...

— ביל רעיני האָט געקראָגן זיין דערציאונג אין שיקאַגאָ... — האָט לאַפּידעס באַשטעטיקט.

— איז וואָס זשע האָט ער געוואָלט פון דיר?

— ער איז געקומען פון מעק־קאָלאָקן, פון די ציגל־לייגער: סטרייק־אינשורענס.

— ווּ־וואָס?... — האָט יאַלקוט איבערגעפרעגט.



— סטרייק־אינשורענס... פאַרזיכערונג קעגן אַ סטרייק. דו ביזט אָן אינשורענס־מאַן, דאַרפסטו וויסן וואָס אינשורענס איז אַזוינס.

מיטער קאַץ איז ווידער געוואָרן אויפגערעגט:

— סטרייקן? אָבער פאַרוואָס זאָלן זיי סטרייקן — וואָס ווילן זיי דען?

היימאַן האָט געקוקט אין טעלער און געענטפערט צווישן בים און בים:

— זיי ווילן ניט סטרייקן. דאָס איז נאָר געקנאַקט מיט דער בייטש. מעק־קאָלאָק האָט אַ פיינעם קאַנטרי־פּלאַץ אין מעין...

— דאָס אי'דאָך... בלעקמעיל! — האָט זיך מיסטער קאַץ גע־קאָכט. — איך וואָלט ניט געגעבן!

היימאַן האָט געגעבן אַ טרוקן הוסטל און האָט אָוועקגעלייגט אויף אַ ווײַלע גאָפּל־מעסער.

— פאַר־צוויי־יאָרן האָב איך געבויט אַ הויז אין קווינס. דער סעק־רעטאַר פון די האָלצאַרבעטער קומט צו מיר אין אָפּיס: אַזוי און אַזוי — סטרייק־אינשורענס. איך האָב ניט געקאָנט גלייבן: איך האָב זיך אביסל פאַררעכנט באַם אָננעמען דעם דזשאָב, און איך האָב שוין געוואוסט אַז איך אַרבעט אומזיסט. דאָס הייסט — ע־הם! — כ מ ע ט אומזיסט... איינמאָל קום איך אינדערפרי צו דער געביידע — מ'אַרבעט נישט, מ'סטרייקט "אויפן דזשאָב". איך פרעג די אַרבעטער: פאַרוואָס סטרייקט איר? זיי ווייסן ניט: די יוניע האָט געהייסן. איך לויף אַוועק אין דער יוניע — דערציילט מען מיר אַזאַ מעשה: די שכירות, לויט דער "סקעיל", פאַר די האָלצ־אַרבעטער זענען 13.20 אַ טאָג. בײַ מיר אַרבעט מען פאַר 8.50 ביז 11 דאָלער אַ טאָג. איך דאַרף צאָלן לויט דער סקעיל. נו, די אָפּי־

ציעלע סקעיל איז טאַקע 13.20, נאָר אין דער פּראַקטיק האָט מען זי קיינמאָל ניט געהאַלטן; דאָס הייסט, אין די יאָרן פונם גרויסן בום האָט מען געצאָלט, נאָר שפּעטער — ניט. קיינער ניט. וואָס זשע האָט מען זיך אָנגעזעצט דאַווקע אויף מיר? נאָר גיי שריי חי־וקים. דער סעקרעטאַר האָט מיך פּאָטערלעך געמוסרט: אז איך האָב זיך געשטעלט בויען, האָב איך דאָך פאַרזיכערט די מאַטער־ריאַלן: טאָמער מאַכט זיך א שרפה, צי וואָס — פאַרוואָס זשע האָב איך ניט אַרויסגענומען קיין סטרייק־אינשורענס, אויף "טאָמער מאַכט זיך א סטרייק"? ... ווי איז עס א מענטש אַזוי נאַכלעסיק אין זיין אייגענער ביזנעס? — אָטאַזוי־אָ, טאַקע בזה הלשון. בקיצור, מיר זענען דורכגעקומען, אָבער איך האָב אויסגעלערנט מיין לעקציע אויף אויסנווייניק. —

.7

דער אַלטער זרח האָט אַרויסגענומען דאָס אייניקל און טעדין אויף א שפּאַציר. ליזע פּיש איז אַוועק צו זיך אין צימער זיך אָנטון פאַרן קאָנצערט, און די אַנדערע ווייבער זענען אַריבערגעגאַנגען אין "זון־פּאַרלאָר". די מענער זענען נאָך געבליבן א ווײַלע אַרום טיש. יאַלקוט איז געזעסן א פאַרטראַכטער. פון צייט צו צייט האָט ער זיך געכאַפּט מיט בײדע הענט פאַרן קאָפּ און געמאַכט א גרימאַסע, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטרייגט צונויפצונעמען זיינע געדאַנקען. דאָס איז בא אים א חנדל אַזוינס, אַזאַ רגילות.

— יאָ, — האָט ער פאַרענדיקט זיין געדאַנקענגאַנג. — כמעט הונ־דערט יאָר פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג...

— כ־כעם! — האָט לאַפּידעס אַרויסגעלאָזן א געלעכטערל אַזוינס.
— און אַנאַרכיסטישע באַוועגונג... און סינדיקאַליסטישע באַוועגונג... און סאָציאַליסטישע באַוועגונג. איר זענט, דאַכט זיך, אַליין אַמאָל געווען אַן אַנאַרכיסט, אַה? דאָס הייסט — איידער איר זענט געוואָרן א נאַציאָנאַל־ראַדיקאַל פון זשיטלאָווסקיס חדר...



— געווען... — האָט יאַלקוט קורץ צוגעגעבן. — א "באַוועגונג" אָן א פּראָגראַם. קעגן פּאָליטיק. אָן א פּלאַן פון אינדוסטריעלן קאַמף. איינגנטלעך, אָן א קלאַס אויף וועמען זיך צו שטיצן. "פרייהייט פון דער פּערזענלעכקייט". סתם פרייהייט, אין הימל אַריין, און סתם פּערזענלעכקייט. וועלכע פּערזענלעכקייט? וואָס פאַר א פּערזענלעכקייט קאָן זיך אויסאַרבעטן, למשל, באַם אַרבעטער, ווען ער לעבט פון האַנט צום מויל — אַרבעט פאַרן היינט — איז אין דער אַרבעט ניט פאַראינטערעסירט?! דער קליינבירגער קאָן שוין ניכער זיין א "פּערזענלעכקייט": ער ראַנגלט זיך פאַר זיכערקייט, פאַר א פּאָזיציע אין לעבן. אמת, עס רייט אויף אים דער אַמע־ריקאַנער שד, דער שד פון "אַרויפאַרבעטן זיך", און טרייבט אים אָן רחמנות; אָבער ער וויל עפּעס און האָפט אויף עפּעס פאַר היינט, פאַר מאָרגן, פאַר איבערמאָרגן — ער לויפט ערגעץ־וואוהין. א קנאַפּער וואונדער וואָס דער אַרבעטער רייסט זיך רק אַרויס־און־אַוועק פונם שאָפּ, ספּעציעל דער אומרואיקער אידישער אַרבעטער: דאָס רייסט ער זיך, אויף א בלינדן שטייגער, צו באַפרייען זיין פּערזענלעכקייט — אינם שוים פון קליינבירגערטום. און דער סוף פונם אַנאַרכיסטישן קאַמף פאַר דער פרייהייט פון דער פּערזענלעכקייט איז: א היבשע צאָל געוועזענע אַנאַרכיסטן האָבן זיך אַליין גאַנץ פיין אַרויפגעאַרבעט אין "ריעל־עסטייט"...

היימאַן האָט זיך א האָרעלע פאַררויטלט.

— און אינשורענס איז בעסער?... — האָט ער איינגעהאַלטן געפרעגט.

יאַלקוט באַשעפטיקט זיך מיט לעבנספאַרזיכערונג. זיין אַרבעט גייט אָן ערגעץ אין גאָר פרעמדע קרייזן. ער רעדט קיינמאָל ניט וועגן איר, באָט קיינמאָל ניט אָן קיין פאַרזיכערונג צו פריינט אָדער נאָענטע באַקאַנטע. האָט נישט, קענטיק, קיין געוואַלדיקן דערפאָלג, נאָר "מאַכט א לעבן". ער האָט ווייך געענטפערט:

— ווער זאָגט דען אז בעסער? איך נעם זיך ניט ארויס פון כלל... מיר זענען אַלע אין דער קלעם — קאָן דער אַן איינצלנער מענטש זיך שטעלן קעגן א סאָציאַלער אָרדנונג? איך וויל נאָר ווייזן דעם סוף פון אַן אידייע וואָס האָט — ווי דער ענגלישער פּאָעט האָט אזוי גרויסמויליק געזאָגט אין אַן אנדער פארבינדונג — "צוגעשפּאַנט איר וואָגן צו א שטערן"...

— אָבער הערט נאָר, — האָט זיך לאַפּידעס אָפּגערופן, — די פּראָ־פּעסיאָנעלע באַוועגונג האָט זיך דאָך געשטיצט אויפן „ארבעטער־קלאַס" — און איר האָט דאָך געהערט וואָס מיסטער פּיש האָט דאָ דערציילט! ... און די סאָציאַליסטישע באַוועגונג — ווי האַלט עס עפּעס מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אַה? אירע פירער האָבן אויך גאַנץ נישקשהדיק אויסגעמאַכט אין ריעל־עסטייט צי אויף אנדערע אופנים — און זי האָט שוין געהאַט פּראָגראַמען, אי פּאָלי־טישע אי עקאָנאָמישע, און וואָס ניט!

— מ־יאָ... — האָט יאַלקוט ארויסגעשטאַמלט מיט א האַלבן מויל.

— וואָס יאָ?

— איך... ווייס ניט. ס'איז טאַקע אמת: אַלע זענען פארקראָכן אין א זומפּ. אָבער אָט וואָס: די יוניעס און די סאָציאַליסטישע באַוועגונג שטיצן זיך אויף די ארבעטער — דאָס איז דער עיקר: זיי האָבן די ארבעטער. די אַלע איבלען זענען אפשר די קראַנקהייטן פון א נאָרמאַל־וואַקסנדיקער באַוועגונג... איך מיין: די ניפּטן וואָס זאַמלען זיך אָן אין א נאָרמאַלן אָרגאַניזם אין גאַנג פון זיין אנטוויקלונג. א געזונטער אָרגאַניזם ארבעט אויס ניפּטן — און קעגנגיפטן...

— איז וואו זענען די קעגנגיפטן? — לאַפּידעס האָט שוין גענע־ניצט.



— אפשר... דער קאָמוניזם.

— אָ־אָה! — האָט לאַפּידעס אויסגעצויגן, האַלב מיט כעס און האַלב מיט חוזק. — אָטדי לאַכודרעס?! נו, מיין פריינט, מיר זע־נען אין אַמעריקע, יו נאָו, ניט אין רוסלאַנד.

אויך היימאַן פּיש האָט אביסל געהעכערט די שטים:

— די קאָמוניסטן? — אָטדי האָרדע דעמאַגאָגן און וואַנדאַלן וועלן דאָס ברייננגען דעם סאָציאַליזם? ... וואָס זשע, ביזט אפשר אויך א קאָמוניסט?

— נ־ניין, איך בין... ניט קיין קאָמוניסט. איך... אָבער מ'דאַרף דאָך זיין אָביעקטיוו, מ'דאַרף פארשטיין די לאַגע. א מין קעגנ־גיפט ז ע נ ע ן זיי. יאָ, זיי זענען עקסטרעם, נאָר זיי מיינען עס ערנסט. מ'קאָן זיי אפשר גיכער פארגלייכן צו די ווייסע בלוט־קייקעלעך אין לעבעדיקן גוף: זיי וואַרפן זיך אין פייער אריין, זיי שטראָמען צו די געפערלעכע פלעצער, צו וואונדן, צו אנטציג־דונגען...

— טאַ־טאַ! — האָט זיך היימאַן פארקרימט. — קעגנגיפטן... בלוטקייקעלעך... בטלנות און פוסטע מליצות. זיי וועלן זיך ארויפארבעטן, וועלן זיי ווערן ווי די אנדערע, ווי... מיר אַלע.

— אפשר... וואָס טויג אונדז נביאות? דערווייל זענען זיי דער ברענפּונקט פון דער ארבעטערבאַוועגונג. ג' האָרדע? ... יאָ, עפּעס איז פאַראַן אין זיי אַזוינס פון רעליגעזע, פאַטאַליסטישע... דעראָ־בערער. המ...

— אויב זיי וועלן "דעראָבערן" אַמעריקע — האָט לאַפּידעס גע־לאַכט — וועט אייך אויך זיין ניטגוט.

— יאָ, — האָט יאַלקוט גערעדט מיט צעטראָגנקייט, — פאַר אונדז, פאַר אונדזערע לייט, וועט זיין... ניטגוט. —

.8

אין זונזאַל — אַ געדעקטע גלעזערנע וועראַנדע, אויסגעמעבלירט מיט געפּלאַכטענע שטולן און קושעטקעס — האָט בעטי סוואַרטץ געהאַלטן אין דערציילן טילין אַ געפּעפּערטן אַנעקדאָט וועגן דעם ווי אַ כלה האָט געזאָגט צו איר חתן, אַז "ניין, פאַר דער חתונה קאָן זי אים קיין מוסטער ניט ווייזן, נאָר זי קאָן אים ברייגנען רע־קאָמענדאַציעס פון . . . אַנדערע מענער, כאַ־כאַ" — און דערביי האָט בעטי שפּיציק נאָכגעקוקט די אַוועקגייענדיקע יאַלקוטן מיט ליזען און גלייכצייטיק געשמעקט מיטן נעזל צו סוזין, שפּירנדיק אַז עפּעס גרייט זיך דאָ און אפשר אַנטוויקלט זיך דאָ פאַר איר אַ "סטאָרי": די אַנטדעקונג אַז רכילות איז אַ רייכער קוואַל פאַר ליטעראַטור איז געווען דאָס "גרויסע געווינס" פון איר לעבן. סוזי האָט שוואַך געהערט, אַ פאַרנומענע מיט אירע אייגענע געדאַנקען. אָט, מענטשן לעבן טאַקע ווי מענטשן: אַ "סאָן־פּאַרלאָר" . . . באַם טיש רעדט מען וועגן גרויסע געשעפטן, און . . . גרייפּפרוכט פאַר פאַרשפּייז. געווים, אַביסל מאָדנע, אָבער מ'קאָן זיך צוגעוואוינען . . . צום סוף האָט בעטי פאָרגעשלאָגן, אַז זיי זאָלן אַלע גיין אין סטאַריום צום קאָנצערט. נאָר טילי האָט געהאַט פאַר סוזין אַנדערע פּלענער. די האָט זי אָפּגערופן אָן אַ זייט און אַ פרעג געטון מיט די אויגן:

— נו? . . .

סוזי האָט זיך פאַרקרימט.

— ער איז מיר זייער ניט צום האַרצן — האָט זי שטיל געזאָגט.

— אָה, סוזי, האַלט קאָפּ! אַז דו האָסט דאָך מיט אים אפילו קיין וואָרט ניט אויסגערעדט!

סוזי האָט פאַרדריקט מיט די אַקסלען:

— ער שווייגט! און שווייגן שווייגט ער עפּעס נאַריש און . . . [illegible]



— מאַך אים צו ריידן, סוזי! וואַרט . . .

טילי איז אַוועק און האָט איינגערוימט עפּעס דעם מיסטער קאַץ אין אויער. ער האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף און איז צוגע־גאַנגען צו סוזין:

— מיס סוזי, איך . . . עס 'עט זיין באַ מיר אַ פאַרגעניגן אייך אָפּ־צופירן אַהיים — אין מיין קאַר. אַ "ביואיק". כ'מיין, אפשר ניט אַזאַ . . . נו, אַ ביואיק . . .

טילי האָט געקוקט אויף סוזין שטריינג, ווי אַן עלטערע שוועסטער, און סוזי האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג. די צוויי האָבן זיך צע־זעגנט מיט אַ "גודבאַי, אָלל!" און זענען אַרוים. באַ דער טיר איז געשטאַנען מיסטער קאַצס אויטאָמאָביל: אַ קליינע קאַר פאַר צוויי, אַן אַלטע, אַ שווערלעכע, זייער שטאַרק ענלעך אויף מיסטער קאַצן אַליין. מיט איין וואָרט: ניט אַזאַ . . . נו, אַ ביואיק. —

אַז מ'איז שוין געזעסן אינווייניק און די מאַשין האָט גענומען קריצן מיט די ציינער, האָט מיסטער קאַץ געזאָגט:

— אַז מ'עט דאַרפן, וועט מען די קאַר אויסבייטן אויף אַ נייער . . .

די מאַשין האָט געגעבן אַ שפּרונג און נאָך אַ שפּרונג — און האָט פּלוצים אָנגעהויבן גיין שמיידיק און טענצלדיק, מיט אַ כריפּעלע, מיט אַ הוסטעלע, נאָר נישקשהדיק און יונגטלעך, ווי איינער רעדט: נו, אַוואַדע, ניטאָ די כוחות וואָס בחורוויז, אָבער אָפּראַוועגען פאַרן עמוד אין אַ ראש־חודש צי אין אַ יומא דפּגרא קאָנען מיר נאָך אויך . . .

אַ פּאָר בלאָק ווייטער:

— אַ ז מ ' ע ט ד אַ ר פ ן —

מיסטער קאַץ האָט געמאַכט אַ פּויזע און אַ קוק געטון אויף סוזין —

—... וועט מען זי אויסבייטן אויף אַ ב ע ס ע ר ע ר. יאָ. —

סוזי האָט געוואָרפן אַ פרעמדן בליק אויף אָטדעם פרעמדן אידן און האָט געשוויגן. זי האָט גראָד געטראַכט וועגן היינטיקן פאַר אין דעם "על" און האָט זיך דערמאָנט אָן "סידנין". העניך קאַץ האָט געטריבן די קאַר צו מערב־צו, ווייל ער האָט געוואָלט פאָרן דורכן סענטראַל־פּאַרק. זיין אויג איז געפאַלן אויף דער שילד פון אַ שיינעם אַפּטייק.

— אפשר וואָלט איר געוועזן אַ בעלן אויף אַ —

סוזי האָט געוואָרפן גורל אין קאָפּ: "אויב ער באָט מיר אָן פּאַינעפּל — האָב איך מיט אים ניט חתונה!" —

—... אָן אייזקרים־סאָדע, אה?...

זי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און פריינטלעך געזאָגט:

— ניין, אַדאַנק. לאָמיר בעסער פאָרן אַביסל איבערן פּאַרק, איידער איך גיי אַהיים.

— מיט אַלע כבודן, — האָט זיך מיסטער קאַץ דערפרייט, כאָטש אים איז געווען קשה איר געלעכטער: איז זי ניט, צומאָל, אַביסל אַ צעדרייטע, אה?... ער האָט פאַרקערעוועט אין פּאַרק אריין און איז פּלוצים געוואָרן באַריידעוודיק.

ער האָט פאַר איר געגומען דערציילן זיינע געשעפטן, ווי פאַר איינער וואָס האָט אַ רעכט צו וויסן. ער האָט אַ גראָסערי אין אַ מאַרקעט אָטדאָ אויף בוירנסאַיד־עוועניו — האָט ער. געווען פריער מיט אַ שותף, אָבער ניט געקאָנט הויזן, האָט מען זיך צעטיילט, האָט ער



יענעם אַרויסגעצאָלט — האָט ער. האַלט ער איצט אַ מענטשן, אַ באַצאָלטן מענטשן, נאָר — מ'קאָן זיך דען פאַרלאָזן אויף אַ פרעמדן מענטשן?... אַ געשעפט פאַרלאַנגט אייגענע מענטשן. דאָס הייסט, אַ... אַ ווייב איז ניט מחויב, פאַרשטייט זיך, צו שטיין שטענדיק אין געשעפט; זי קאָן נאָר דאַרפן אַרויסקומען אויף אַ פּאָר שעה פאַרנאַכט, בעת די ווייבער קויפן איין אויף סאַפּער. יאָ, אַ פּאָר שעה נאָר; ווייל ער, העניך קאַץ, דיינקט, אַז אַ פרוי דאַרף אַכטונג געבן אויף איר הויז, אויף איר "היים" — דיינקט ער. אַז אַ מענטש האָרעוועט זיך אָן אַ גאַנצן טאָג, האָט ער ליב אַ היימישן מאָלצייט, ניט פון די רעסטאָראַנען. מאָלט אייך, אַז סיוויסיי האָבן די אמע־ריקאַנער מאכלים נישט דעם טעם וואָס אין דער היים... ראַכט זיך וואָס? פּרוכטן צי גרינסן, למשל, וואַקסן אין דער ערד — וואו דען זאָלן זיי וואַקסן? — פּונקט ווי אין דער היים, און אַרויסקומען קומען זיי אַרויס עפּעס נישט דאָס... איז טאַקע דעריבער אַ היים — ווער שמועסט, אַז אין הויז דרייט זיך נאָך אַרום אַ יאַטל, אָדער אַמאָל צוויי —

סוזי האָט זיך אָנגעכמורעט:

— נו איך... וואָלט זיך ניט געאיילט. איך האָב צייט.

העניך קאַץ האָט זי אָנגעקוקט אַביסל פאַרחידושט און אַביסל באַ־אומרואיקט. עפּעס אַזוינס איז אים דאָ ניט געפעלן געוואָרן. פּונ־דעסטוועגן האָט ער געזאָגט עפּעס אַזוי אין דער וועלט אריין: "נו יאָ, אַוואַדע, וואָ'דען?..." אַזויווי ער וואָלט דערמיט באַשטעטיקט אירע רייד. סוזי האָט אַ פרעג געטון:

— ווי קומט איר צו טילין — צו די פישעס?

ער האָט זיך פאַרהאַקט אַביסל, דערנאָך, סענטיס, עפּס אָפּגעמאַכט באַ זיך. נו יאָ, ער האָט געשעפטן מיט הייטאַן פיש — אַביסל געלט אַריינגעלייגט אין יענעמס בוי־ספּעקולאַציעס; זיי בויען אַ קאָאָפּעראַטיווו הויז, בויען זיי; דאָס הייסט, אַז מ'וויל, איז דאָס

גאָרניט קיין קאָאָפּעראַטיוו, נאָר אַ מין "סטאַק־קאָמפּאַני" — אַן אַקציִענגעזעלשאַפט — און אַז מ'וויל, איז דאָס יאָ עפּעס אַ מין קאָאָפּעראַטיוו... נאָך מענטשן באַטייליקן זיך — אָטדער לאָפּידעס, למשל... ער קאָן "ציִען דראָטן", אָטדער לאָפּידעס; דאָס האָט ער עס זיך דערוואוסט באַצייטנס וועגן דעם געפּלאַנטן נייעם סאָבוועי, און מיט זיין הילף טאַקע האָט מען אָפּגעקויפט באַ דער שטאָט דעם פּלאַץ אין גאָר גלייכן געלט — עס איז געווען שטאָטישע ערד... וועל, מ'האָפט צו מאַכן אַ פיין געשעפט. האָט ער, העניך קאַץ, אַריינגעלייגט דערווייל אביסל געלט; דאָס הייסט, צוריקשמועסנדיק, טאַקע אַ שיינע פּעני, — און שפּעטער וועט מען מוזן צוטראָגן עפּעס נאָך... יאָ. אַז מ'שטעלט ניט איין, נעמט מען ניט אויס. דערפאַר אָבער די גראָסערי איז אַ זיכערע ביזנעס, און מ'מאַכט, דאַנקען גאָט, אַ לעבן. מ'אַרבעט שווער, נאָר מ'מאַכט אַ לעבן. מאָלט אייך, אַז די גראָסערי־ביזנעס איז שוין אויך ניט דאָס וואָס זי איז געווען אַמאָל: די קאָנקורענציע איז אַזוי שטאַרק — מ'שניידט זיך איינער דעם אַנדערן די גאָרגלען. איז טאַקע... אביסל שווערלעך. אָבער מ'מאַכט נאָך אַ לעבן. געווען פריִער מיט אַ שותף... אַרויסגעצאָלט... פרעמדע הענט... מ'מאַכט אַ לעבן... שותף... פרעמדע הענט... אַ היים... אַ ווייב... מ'אַרבעט שווער... און בחורים קריגט מען נאָך דער חתונה אויך...

— הא? — האָט זיך סוזי אַ דערשראָקענעם צאַפּל געטון. זי האָט כמעט געהאַט איינגעשלאָפן אונטער זיינע מאָנאָטאָנע רייד און זיין דרייען זיך הין און צוריק איבער דיזעלבע ענינים.

— וואָס "הא"... — האָט מיסטער קאַץ איבערגעפרעגט.

סוזי איז רויט געוואָרן און האָט זיך צוריק אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אָן איר ווינקל פון דער קאַר. זי וואָלט געמעגט שווערן, אַז זי האָט אים געהערט איבערזאָגן וואָרט באַ וואָרט דאָס וואָס טילי האָט איר געזאָגט היינט אינדערפרי. אַ שיינע מעשה, כ'לעבן! געזען אַזאַ פאַרטראַכטקייט! מ'קאָן אַמאָל אַזוי בלייבן שטיין מיט די הוילע... געדאַנקען אין דרויסן! —




## ג. טשיזשיק־פּיזשיק

### 1.

סוזי האָט פאַרזוכט דעם טעם פון זוכן און געפינען אַ פּאַסיקע דירה.

סוזי האָט לכתחילה געפּלאַנט צוויי צימערן: אַ שלאָפצימער און אַן עסצימער־"קיטשענעט" — וואָרים וואָס דאַרפן צוויי מענטשן מער? העניך קאַץ, וועלכער האָט זיך געהאַט זיינע חשבונות, האָט צוגעשוויגן און זי געלאָזן זוכן. האָט מען, קודם כל, אין דער שכנות פון געשעפט קיין צוויי ניט געפונען. מיסטער קאַץ האָט זיך טאַקע דערויף גערעכנט און איז תיכף "איינגעגאַנגען" אויף דריי. נו, האָט זיך עס אָנגעהויבן: זענען די חדרים שיינע, זענען פאַראַן ווייניק שאַפעס; האָסטו שאַפעס, זענען די צימערן אויסגעשטעלט אומגעלומפּערט, אָדער עס קומט נישט אַריין גענוג לופט־און־ליכט; איז די וואוינונג אַ ליכטיקע, געפינט זי זיך אויפן העכסטן שטאָק און מ'דאַרף גיין אַסך טרעפּ. און אומעטום איז דער רענט העכער ווי מ'האָט זיך פאַרמאָסטן צו צאָלן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז וואָס גרעסער די וואוינונג, אַלץ נידעריקער איז דער רענט — פּראָפּאָרציאָנעל, אַזוי אַז פאַר פיר פּאַסיקע חדרים האָט מען געבעטן בלויז מיט אַ זעקס דאָלער מער ווי פאַר דריי. פיר חדרים — משוגע מיינע שונאים! וואָס וועט מען טון מיט פיר חדרים? עס וועט זיין אַסך אַרבעט צו האַלטן זיי ריין און — מ'וועט מוזן איינהאַנדלען מער מעבל. וועגן דעם לעצטן פּונקט האָט אויך מיסטער קאַץ אַ קנייטש געטון דעם שטערן. דער סוף איז געווען: מ'האָט גענומען פיר חדרים אויף אַ ראָג פון וואָלטאָן־עוועניו, צו דער גאַס, מיט פענצטער צו צפון און צו מערב, מיט שאַפעס, מיט אַלע זיבן זאַכן, ליכטיקע, גרוימע, נאָר — פאַרט אויפן פערטן שטאָק. "מ'וועט אפשר קאָנען אַרויסדינגען אַ צימער", האָט מיסטער קאַץ פאַרטראַכטלעך געזאָגט: ער איז נישט געווען זיכער, אַז דער פּלאַן געפעלט אים. "אפשר...", האָט סוזי געצווייפלט: מ'וועט, הייסט עס, דאַרפן

ארבעטן אויפֿן "באַרדער" אויך. ווען זי וואָלט וועלן אסך ארבעטן, וואָלט זי דאָך געקאָנט בלייבן אין שאַפּ. "מ'ארבעט זיך ארויף" כדי נ י ט צו ארבעטן — צי ניין? —

מ'האָט אויסגעמעבלירט דאָס גאַנצע הויז מיט זאַכן פאַנירט אונ־טער ניסנהאָלץ, אחוץ דער קיך און דער וואַנע וואָס זענען געווען ווייס מיט הימלבלוי. אין שלאָפצימער זענען געווען צוויי בעטן — צ ו ו י י, נים ווי אין רידזש־סטרים, כאָטש געשטאַנען זענען זיי הארט איינס נעבן צווייטן, אָט ווי איין בעט — א "דרעסער", א באַזונדערער שפּיגל אין פולן מענטשלעכן וואוקס, א קליינער וויג־שטול און א הארט ביינקל. דאָס עסצימער האָט אריינגענומען א קיילעכדיקן עסטיש מיט הויכפּלייציקע שטולן ארום אים, א בופעט און א לעדערנע קושעטקע. אין "וואוינצימער" איז, פארשטייט זיך, אריינגעקומען דער שווערער גארניטער: א פאָטעל, א ווינשטול, א דיוואַן — אַלע געבעט און געדעקט מיט ברוינעם סאַמעט; א "לייב־רערי"־טיש מיט א גלעזערנער פּלאַטע; א ראַדיאָ־שיינקל, א רויכ־טישל, א שטייל־לאָמפּ; א גומיפּלאַנץ אין א הילצערנעם פעסל פון איין שטיק, און א גלעזערנע באָמבע מיט גאָלדפישלעך. אין האָלכל — ווידער א שפּיגל מיט א האַלבקיילעכדיקן טישל אונטער אים. דאָ איז אויך געווען דער טעלעפאָן.

אין וואוינצימער איז נאָך פונדעסטוועגן פארבליבן א ווינקל און א שטיק וואַנט וואָס האָבן זיך געבעטן פארנומען צו ווערן. סוזי האָט פאַרזיכטיק סוגעסטירט:

— א פּיאַנאָ...

מיסטער קאַץ האָט אויפגעהויבן די ברעמען:

— א פּיאַנאָ? דו שפּילסט דען פּיאַנאָ?...



וואָס זאָל זי אים געווען זאָגן? — פון דער ווייטער פארגאַנגענהייט, פון די צייטן ווען אין א ווייטער שטאָט — יעליסאַוועטגראַד — האָט געלעבט א זעכצן־זיבעצן־יעריק מיידל, איז ארויסגעשוואומען אן אַלטע ביינקעניש. בא א באַקאַנטער פאַמיליע אין הויז, וואו אירע חברטעס האָבן זיך געלערנט שפּילן, האָט זי ניטאיינמאָל פּרובירט עפּעס אויסשפּילן, מיט איין פינגער. זי האָט, פארשטייט זיך, אָנגע־הויבן מיט "טשיזשיק־פּיזשיק, גדיע טי ביל". עס האָט געדויערט לאַנג, נאָר סוף־כל־סוף האָט עס געבראַכט מיט זיך א גרויסע פרייד, ווען פון אונטער איר פינגער האָבן באמת גענומען ארויסקומען די טענער פון "טשיזשיק־פּיזשיק", טאַקע אין דעמזעלבן סדר, איי־נער נאָכן צווייטן, ווי דאָס לידל האָט זיך געזונגען. יענע, די יעלי־סאַוועטגראַדער, איז געבליבן בא "טשיזשיק־פּיזשיק", נאָר די, די נויאָרקער, האָט געלעכצט און געפילט, אז...

— א פּיאַנאָ אין א הויז קאָן אַלעמאָל צוניצקומען... — האָט זי אזוי נעפּלדיק גערעדט. — און — ס'א שטיקל מעבל, עס פארנעמט א פּלאַץ...

— מ־יאָ... — האָט מיסטער קאַץ צוגעשטימט, פּונקט אזוי נעפּל־דיק, "אין פּרינציפּ", הייסט עס, ווייל דאָס האָט זיך טאַקע ווידער־אמאָל געשלאָסן מיט זיינעם א פארבאָרגענעם געדאַנק. — מ'עט זען... א "פּלעיער", אפשר, — אַטדי וואָס קאָנען שפּילן אליין אויך...

— א פּלעיער! — האָט זיך סוזי אָנגעכאַפּט מיט איבערראַשונג און פרייד: זי איז געווען זיכער, אז אויף א פּלעיער וועט זי אוודאי קאָנען אויסשפּילן וואָס זי וועט וועלן. — אָך, העני — יאָ, זיי א גוד באָי!

— מ'עט שוין זען... — האָט דער גוד באָי צוגעשמייכלט. — דו גיב מיר נאָר צייט...

.2

דער גאַנצער בלאָק אויף איין זייט בוירנסאַיד־עוועניו האַנדלט מיט עסנוואַרג, ווייל אין בראָנקס  ע ס ט  מען. —

אין "פיור פוד מאַרקעט" האָבן זייערע שטעלן און ווינקלען: אַ גרינסער, אַ מילכער, אַ קצב פון בשר כשר, אַ פישלער און העניך קאַץ דער גראָסער. צו דער לינקער זייט פון מאַרקעט, אין אַ ברייטער וויטרינע, ברוינען און רויטלען זיך די ברויטן און דאָס צוקערגעבעקס פון אַ בעקעריי; רעכטס געפינט זיך דער וועגעטאַרישער רעסטאָראַן "אַ פריינט פון דער מענטשהייט", נעבן אים אַ קראָם פון קאָנפעקטן און אייזקרעם — דער "אייזקרים־פּאַרלאָר", ווייטער צו אַ צענטסענטקראָם מיט לאָנטש־קאַונטער, און באַם עק גאַס אַן אַפּטייק — אַן אַמעריקאַנער אַפּטייק וואו מ'סערווירט ווידער טאַקע אייזקרעם און ווידער טאַקע "לאָנטש", מיט אַ צוגאָב פון רפואות, קאָסמעטיק און רויכאַרטיקלען. קעגנאיבער אין בלאָק: אַ טרייפענער בוטשער, אַ קלייט פון גערויכערטע און קאָנסערווירטע פיש, אַ כשר־דעליקאַטעסנגעשעפט און אַ שפּייזגעוועלב פון דער "עי ענד פּי" — איינע פון די רינג־קראָמען פון דער "אַטלאַנטיק ענד פּאַסיפיק קאָמפּאַני".

דער "פריינט פון דער מענטשהייט" רעדט אויף אַ פּלאַקאַט אין פענצטער קעגן חיהשן פּראָטעאין: מינעראַלן און וויטאַמינען — ד אָ ס  איז דער עיקר! באַם קצב הייננגט אַ קאַרטע מיט אַ רעקאָמענדאַציע פון אַ וויסנשאַפטלער פון אַגראָ־מיניסטעריום צו עסן וואָס מער פלייש: דאָס גיט אייך ענערגיע און פאַרגיטיקט די מעגלעכע פאַרצערונג פון די קערפּער־געוועבן. באַם בעקער שטייט געשריבן מיט פעטע אותיות: "עסט  ב ר ו י ט!  עסט  מ ע ר  ב ר ו י ט!  איר דאַרפט אַרבעטן — און אַרבעטקראַפט באַקומט איר פון די קראָכמאַל־שפּייזן". די קראָם פון קאָנפעקטן שרייבט: "צוקער! איר אַרבעט אויף  צ ו ק ע ר! — צו וואָס פאַרלירן





כוחות אויף צו פאַרוואַנדלען ערשט קראָכמאַל אין צוקער, ווען איר קאָנט אַריינגעמען צוקער דירעקט?" דער אַפּטייק סוגעסטירט, אין אַן איידעלער און וויסנשאַפטלעכער שפּראַך, אַלערליי אָפּפירמיטלען, און די צענטסענטקראָם האָט זיך איר אייגענע אַרגומענטאַציע וואָס ליגט אויף אַ גאַנץ אַנדער ליניע: "באַ אונדז איז קיין זאַך ניט טייערער פון צען סענט"...

באַ סוזין האָט זיך דאָס אַלץ ניט פּאָטויפּעט אין מוח. שטייען מענטשן איינער קעגן צווייטן און ריידן זיך איינער דעם אַנדערן אין דער גאַל אַריין, און די קונים — הערן זיי אָדער הערן זיי גאָרניט, פּונקט ווי זי האָט פריער ניט געהערט? זי האָט געפּרואווט אַ רעד טון צו העניכן. "ס'איז דאָך ביזנעס!" איז העניך דערשטוינט געוואָרן פון אירע קלאָץ־קשיות. סוזי האָט זיך פאַרשעמט. ס'איז טאַקע זייער נאַריש פון איר זייט. "יאָ, אָבער — זאָלסט מיר געזונט זיין — אָט איז דער וועגעטאַרישער רעסטאָראַטאָר און אָט איז דער קצב. איז — איז ווי זשע איז עס טאַקע?..." העניך קאַץ האָט אויף איר געוואָרפן אַ בליק פון טיפסטן ביטול, האָט אַ הייב געטון די אַקסלען און איז אַוועק צו זיין אַרבעט: ער איז אַ פאַרנומענער מענטש, איז ער — ער קאָן זיך דען באַדערן מיט נאַרישקייטן? כ־כע! וואָס אַ פרוי קאָן איינפאַלן. — סוזי האָט געקראָגן איר ענטפער, נאָר געפילט האָט זי זיך ווי אָנגעגעסן מיט "פּיסנע" ברויט: דער בויך איז פול, נאָר דער גומען איז באַליידיקט.

סוזי העלפט ניטפיל אין מאַרקעט, נאָר זי שטייט און טראַכט און באַטראַכט די נייע זאַכן און נייע מענטשן אַרום איר. —

העניך קאַץ איז אַ צעטראָגענער מענטש, און אַז ער ווערט צעטומלט, איז — דערמעסט ער ניט, דערוועגט ער ניט, דערגייט ער ניט קיין רעשט. "ווי? וויניקער מיט דריי סענט? גייט שוין, גייט!" רק ער מאַכט טעותן און רק אויף איין זייט — אַ צעטראָגנקייט פון אַ באַזונדערן מין. העניך קאַץ איז אַ צעטראָגענער מענטש, און אַז ער ווערט אויפגערעגט, קריגט ער זיך מיט זיין אַרויסהעלפער, מיט

יאָסלען. יאָסל איז אַ בחור פון אַ יאָר זעקסאונצוואַנציק, מיט אַ גלאַטן ברוינעם פנים און גרויע העזהדיקע אויגן. ער איז אַ גוטער אַרבעטער, אָבער איין זאַך קאָן מיסטער קאַץ ניט פאַרטראָגן — ניין, צוויי זאַכן: וואָס ער הייסט זיך רופן דאַווקע יאָסל, ניט דזשאָו, און וואָס ער פייפט נאָכאַנאַנד. וואָס פייפט ער, וואָס? ... "איך פייף אויף דער וועלט, מיסטער", האָט יאָסל איינמאָל דערקלערט. — "אַזוי? דו פייפסט אויף דער וועלט? איז פאַרוואָס זשע פייפסטו עפּעס אויף איר — וואָס ט'זי דיר געטון?" — "ס'איז ניט מיין וועלט, פייף איך אויף איר". — "נישט דיין וועלט? וועמעס דען איז זי?" — יאָסל האָט ניט געענטפערט; ער האָט נאָר חוצפּהדיק געקוקט מיסטער קאַצן אין די אויגן אַריין און חוצפּהדיק געפייפט. און אויף "דזשאָו" האָט ער זיך פשוט ניט אָפּגערופן, ווי ניט אים מיינט מען. און דערין איז שוין זיכער ניט געליגן יאָסלס "אידישקייט", נאָר עפּעס אַ מין להכעיס, צי וואָס? ... —

דער איטאַליענישער אַרבעטער באַם גרינסער — אַ מיטליעריקער, יאָרעדיקער, מיושובדיק־לאַנגזאַמער מענטש מיט לאַבנדיקע אויגן — וואָלט זיך שוין דאַווקע יאָ אָפּגערופן אויף דזשאָו: ער הייסט דזשוזעפּע, וואָס דאָס איז דזשאָזעף, וואָס דאָס איז דזשאָו — האָט אים אָבער קיינער אין מאַרקעט אַזוי ניט גערופן, ווייל עס איז געבליבן אין אַמעריקע בהסכם כולם, אַז אַן איטאַליענער, צי ער איז אַ שערער צי אַ גרינספּעדלער — וואָסרען וועט אַן איטאַליענער זיין? ... — דאַרף הייסן טאָני, און דאָ קאָן שוין קיין זאַך ניט העלפן. רופט זיך דזשוזעפּע אָפּ אויפן נאָמען "טאָני" — מיט אַ געמיש פון רעזיגנאַציע און ביטולדיקן הומאָר. —

דער גרינסער פאַרנעמט מער פּלאַץ און באַשעפטיקט מער הענט ווי יעדער אַנדערער פון די הענדלער אין מאַרקעט, נאָר אַלע הענט, אחוץ "טאָנין", זענען אייגענע: דער גרויסער, פאַרגרעבטער מיסטער דזשייקאָבס אַליין, וועלכער רעדט אַ געמישטע שפּראַך: אַ זאַץ אידיש און אַ זאַץ ענגליש — און זיינע צוויי בנים לואיס און אַלעקס, אַכצן און צוואַנציק יאָר אַלט, כמעט אינגאַנצן "אַמעריקאַניזירטע",



נידריקער פונם פאָטער, נאָר גראַניטענע ביין־און־מוסקלדיקע בחורים, וואָס אויפהייבן אַ קאָרב מיט קרויטקעפּ אָדער אַ קויש מיט עפּל איז באַ זיי אַ שפּיי. טאָנין באַשעפטיקט מען דאָ דער עיקר צוליב זיינע קענטנישן, דעם איינגעבוירענעם וויסן פון אַן איטאַליענער ווי־אַזוי אומצוגיין מיט גרינסן און פרוכטן. —

מילך, סמעטענע, אייער, פּוטער און אַלערליי קעזן. דער דאָזיקער שטאַנד איז דער ציכטיקסטער אין מאַרקעט. מיט זיין ווייסן קאָנטער פון עמאַלירטן בלעך, מיט זיין אייזקאַסטן מיט די גלעזערנע טירן, מיט די ווייסע פאַרטיכער אַרום די קערפּערס פון דעם גאַליציאַנער מיסטער גריצהענדלער און זיינע צוויי פאַרקויפער: דייוו לאַקריץ און דייווי פּאַקס. לאַקריץ איז אַ בחור אין די דרייסיקער. אַ געוועזענער לערנער, אַ וויצלינג, אַ זינגער, אַ מענטש וואָס וואַרפט זיך מיט פסוקים, מיט גמרא־ווערטלעך, מיט "שטיקלעך" פון ימים־נוראימדיקן דאַוונען; באַטאָג אַרבעט ער דאָ אין מאַרקעט און באַנאַכט שטודירט ער ערגעץ טעכנאָלאָגיע. פּאַקס איז אַ אינגל פון זעכצן יאָר און האָט נאָרוואָס געענדיקט די עלעמענטאַרשול; ער איז געצוואונגען צו גיין אַרבעטן צוליב זיין מוטער און זיינע צוויי קליינע שוועסטערלעך, אָבער אינטערעסירן אינטערעסירט ער זיך דער עיקר מיט פוטבאָל און פרייזפייטערס. און אַזויווי די ביידע האָבן דעמזעלבן נאָמען, רופט מען עלטערן דייוו און דעם אינגערן דייווי. —

דער קצב פון בשר כשר האַלט ניט קיין אַרויסהעלפער. זיינע געשעפטן גייען שלעכט. אין זיין גלעזערנעם אייזקאַסטן קאָן מען זען אַ שוואַרצלעכן זאָדעק פלייש, אַ פּאָר קעלבערנע פיסלעך, אַ האַלב טוץ שאָפענע קאָטלעטן און אַ שטיק לעבער. שלעכט. פרייטאָג באַווייזן זיך דאָרט אויך אַ פּאָר הינער, מאָגערע און בלויע, אָפּגעפליקטע, נאָר מיט פרענדזלעך פעדערן אַרום די קני; די פרענדזלעך זעען אויס ווי אַ פּאָר ווייבערשע זאָקנבענדלעך, און צוליב וואָס מ'לאָזט זיי דאָרט איז ניט באַקאַנט. —

אין דער סאמע טיפעניש פונם גרויסן לאקאל, בא דער הינטערשטער וואנט, ציט זיך א טיש, א מין קארעטע מיט אייז, און אויפן אייז רוען זיך אפ פון דער היץ — אזא מין איינדרוק מאכן זיי — פיש, אלערליי פיש, לויטן סעזאן. אויף יענערזייט טיש, אין רעכטן ווינקל, פאכן מיט דער נשמה האלב־לעבעדיקע פיש אין א גלעזערנעם קאסטן מיט וואסער וואס בייט זיך נאכאנאנד דורך פארבארגענע אריין־און־ארויס־רערן. אויף יענערזייט טיש טאנצן ארום די פישלעך מיסטער לעפקאוויץ, א איד א ליטוואק, און זיין יונג טעכטערל מערי — א נאמען וואס מיסטער לעפקאוויץ קאן אנדערש ניט ארויסריידן ווי "מערע" — און וועלכע געפינט זיך דא צוליב איר ענגליש ריידן. אויף דערזעלבער זייט טיש שטייט, שליסלעך, דעם פישלערס ארבעטער, וועמען מיסטער לעפקאוויץ רופט "רעב סאיע", ווייל מיסטער לעפקאוויץ קאן ניט אנדערש, ווייל האנדלען האנדלט מיסטער לעפקאוויץ אויך ניט מיט פיש, נאר מיט "פיס" — נאר וועלכער הייסט אין דער אמתן רעב שאיע. דער דאזיקער רעב שאיע, א איד מיט מאגערע באסן, מיט קלאמערשטדיקע וואנצעס און א קלאמערשטדיקן בערדל, רייניקט די פיש פאר די ווייבער, באשיט זיי מיט גראבער זאלץ און גיט זיי ארויס אין א פאפירענעם זאק. די ווייבער לייגן דערפאר אריין צוויי אדער דריי פענים אין א גלאז וואס שטייט נעבן אים, און דאס איז פאר זיין ארבעט, ווייל קיין געהאלט באקומט ער ניט. רעב שאיע קוקט נאר אויף די פיש וואס ער רייניקט. ער קוקט ניט אויף די ווייבער; ער קוקט ניט אויף די אנדערע הענדלער און פארקויפער אין מארקעט; ער קוקט, דאכט זיך, ניט אויפן גלאז מיט די קופערנע מטבעות. ער מאכט דעם איינדרוק פון א אידן א למדן וואס איז אראפגעפאלן צו זיין איצטיקן שטאנד און וואס נעמט אלץ אן מיט שווייגנדיקער גאוה. —

און ארום זיי אלעמען שטראמען מענטשן, מערסטנס ווייבער, רייבן זיך אקסל אן אקסל און פליסן אריין און ארויס ווי אין א קארשטארק פאראיבל אויף די קונים פאר זייער דינגען זיך, פאר זייער זוכן מציאות, פאר זייער וועלן קריגן "סאמטינג פאר נאטינג",





בחינם אדער וויניקסטנס בחצי חינם — און זי פארגעסט גאר אז אין אנדערע קראמען האנדלט זי געגנוי אזוי און באנעמט זיך פונקט אזוי ווי זיי. אינם רייכן לאנד, וואו מ'צאלט פארן לעבן אזא אכזריותדיקן פרייז, זוכט מען צו קריגן א טעפל אומזיסט — אן עפל אומזיסט — א קנעפל אומזיסט! און געשעפטן רעקלאמירן זיך: "אומזיסט! מיר געבן אוועק, יענעם און יענעם טאג, אזוינס און אזעלעכס אומזיסט, אויב איר קויפט פאר אזויפיל און אזויפיל"! אזוי אין קליידער — אזוי אין שיך — אזוי, גאנץ באזונדערס, אין עסן. די אייביקע מלחמה צווישן דעם מוכר און דעם קונה פלאקערט אויפן גאנצן פראנט. —

.3

דאס אלץ איז זייער וואויל, און סוזי האט א "היים", נאר וואסדען? מיסטער קאץ איז... אך, ניין! מיסטער קאץ אליין איז אויך אל־ראיט, אין א געווויסן זינען. מיסטער קאץ איז נאך, פאר זיינע יארן, א גאנץ נישקשהדיקער מאנספארשוין — פאר זיך. המ... פאר זיך. פאר סוזין, ווידער... זי ווייסט אליין ניט. איין מאל האט זיך איר געדאכט, אז זי וואלט געוואלט — אז זי וואלט געקאנט — נאר דאס איז געווען דעמלט, ווען זי האט זיך טועה געווען אין זיין נאמען און אים אנגערופן סידני... ער איז נאכדעם געלעגן א גאנצע נאכט מיט עפעס א פארשפיצטער נאז, זיין מארדע איז פלוצים געווארן פירקאנטיק און שארף, און ער איז ניט געשלאפן.

אינגיכן איז געקומען "רעקארעישאן דעי", און העניך קאץ האט געמאלדן סוזין, אז זיי וועלן ארויספארן אביסל אין די בערג, אין זיין אויטאמאביל, זונטאג אינדערפרי, אויף זונטאג און מאנטאג, הייסט עס. זי זאל אנגרייטן סענדוויטשעס, און אזוי ווייטער.

זונטאג ניין אזייגער אינדערפרי האט שוין דער ביואיק יונגבחוריש געטענצלט איבערן שליאך אויפן לינקן ברעג פון האדסאן, ארויפצו

צו צפון־זייט. אַנדערע אויטאָס מיט יום־טובדיקע אַרויספּאָרער האָבן געבלאָזן זייערע שופרס, געפּאָדערט מ׳זאָל פאַר זיי מאַכן אַ וואַרע און האָבן אַריבערגעיאָגט. מיסטער קאַץ האָט גלייכגילטיק גע־קוועטשט מיט די אַקסלען, זיך פאַרנומען יעדעס מאָל צו דער זייט פון וועג: לויפט, הייסט עס, איך אייל זיך ניט. דער ביואיק האָט ווי אַ געטריי פערדל אָפּגעשפּיגלט די שטימונג פון זיין באַלעבאָס: ער האָט געטרייסלט מיט די לויזע בלעכענע שוצפליגלען ווי מיט איבערגעהאַנגענע אויערן און האָט זיך גערן געקערעוועט צו דער זייט: לויפט, לויפט — איך אייל זיך ניט. מיסטער קאַץ האָט אַרויסגעצויגן פון אויטאָמאָביל־טאַש אַ פּלעשל, סוזי האָט אויסגע־פּאַקט די סענדוויטשעס, און בײדע האָבן גענומען צו ביסלעך און פאַרביסן, ניט אַזוי פון הונגער ווי פון פריילעכקייט וועגן. דער האָדסאָן איז כמעט די גאַנצע צייט געלאָפן באַ זייער לינקער זייט, און אַלע ווײלע זענען שטעטלעך אַרויסגעקומען זיי אַנטקעגן — שטעטלעך מיט שיינע וואוינגעגנטן, נאָר מיט געשעפּטסצענטרן וואָס זענען געווען פאָטאָגראַפיש ענלעך איינער אויפן צווייטן, אָט פונקט אַזוי ווי זיי זענען אַרוים אין טויזנטער קאָפּיעס פונם בוראס האַנט און זענען צעשאָטן געוואָרן איבער דער לײנג און ברייט פונם גרויסן לאַנד. העניך קאַץ איז געווען אויפגעלייגט, האָט אַסך גערעדט און געגעבן אינפאָרמאַציע. אָט דאָ בויט זיך אַ בריק. עס וועט זיין שוין איינמאָל אַ בריק, האָט ער זיך באַרימט, פונקט ווי די בריק וואָלט געווען זײנע; און אַז ער האָט אָנגעוויזן אויפן "סינג־סינג" אין אָ ס י נ י נ ג, איז עפּעס אויסגעקומען אַז די קאַטאָרזשנע טורמע איז אויך זיינע. סוזי האָט געקאָנט פון פריער דעם גאַנצן וועג; זי האָט שוין ניטאיינמאָל גענומען זומער־וואַקאַציעס אויף אַ וואָך אָדער צוויי — נאָר זי האָט ניט געפונען פאַר נויטיק אים אויפצוקלערן. אַרום פיר אַזייגער האָט דער ביואיק גענומען אונ־טערכריפּן, ווי איינער רעדט: וואו איז יושר?... און נאָך אַביסל שפּעטער איז מען געקומען צו אַ אידישן זומער־האָטעל אין די בערג וואָס האָט זיך טאַקע היינט געעפנט פאַרן סעזאָן. עס איז געווען אַזאַ וועטשערע, אַז ס׳איז שווער געווען זיך ניט איבערצועסן, ווער שמועסט נאָך אַז העניך קאַץ האָט מיטגעבראַכט זיין פלעשל צום



טיש. באַנאַכט אין זייער צימער האָט סוזי געשעפּטשעט: "העניך, פּליז! מ׳האָט דאָך אָפּגערעדט... מ׳האָט דאָך אָפּגעמאַכט, אַז... העני־רי!" העניך קאַץ האָט ניט געענטפערט. —

צוריק איז מען געפאָרן אויף מאָרגן באַטאָג. סוזי איז געזעסן אָן אָנגעבלאָזענע, און העניך האָט געטריבן זיין געטרייען ביואיק גע־לאַסן און מיושבדיק, ווי ניט אים מיינט מען. אין דער היים, אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, האָט זיך איבערגעחזרט דאָסזעלביקע. דאָסמאָל האָט סוזי געפּרוּווט זיך שטעלן אַנטקעגן, און צווישן זיי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט ניט קיין שיינע סצענע — ז י י ע ר ניט קיין שיינע סצענע. העניך האָט אויסגעפירט זיינס, און האָט ווי־דער געשוויגן. סוזי איז געווען צעטומלט. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט זי אים געזאָגט, אַז זי האָט מורא זי מוז גיין צו אַ דאָקטאָר, און דאָ ערשט האָט העניך קאַץ געעפנט דאָס מויל און געזאָגט קורץ: נ־ניין; זי וועט ניט גיין; ער וויל האָבן אַ קינד. און ער האָט איר אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט: זי זאָל זיך ניט דערוועגן צו זוכן מיטלען. —

—— איי שלעכט! — האָט געזאָגט טילי פיש, ווען זי איז געקומען, צוזאַמען מיט בעטי סוואָרטץ, אָנקוקן איר חברטעס "היים" און סוזי האָט איר דערציילט וואָס מיט איר טוט זיך. — צוויי חדשים נאָך דער חתונה — ער איז משוגע געוואָרן, צי וואָס? ווער טוט עס היינט אַזוי?! באַ מיר וואָלט ער עס פאַר קיין פאַל ניט געפּועלט. דו הער אים ניט: איך קאָן איינעם אַ דאָקטאָר...

סוזי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ניין־ניין. ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין צו קריגן וואָס גיכער אַ קינד — מסתמא צוליב זיין עלטער...

בעטי סוואָרטץ, וועלכע האָט די גאַנצע צייט דיסקרעט געשוויגן, האָט קאָמענטירט מיט אַ חריפותדיקער מינע:

— ער וויל אָנהאַלטן וואָס ער באַזיצט.

— יאָ. — האָט סוזי צוגעשטימט. — און — ער איז "באָס"...

זי האָט געוואָרפן אַ בליק אַרום, אויף דער באַקוועם איינגעאָרדענטער וואוינונג. עס האָט געהייסן: צוריק אין שאַפּ וועט זי ניט גיין. נאָר געפילט האָט זי זיך ווי אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַסטקע.

מיטן גאַנג פון די וואָכן האָט זיך אַלץ אין איר אינעווייניק צערודערט, — און מיט אויגן אַרויסגעקראָכענע פון שרעק האָט זי זיך צוגעהערט צו דעם וואָס אין איר קומט פאָר. אַ פיש מוז אַזוי פילן די ווענטסקע אין זיין לייב...

און העניך קאַץ איז "געווען באָס". סוזי האָט אָפּט געפילט צו אים אַ שווערן עקל, אָבער ער האָט גענומען זיינס און זיך ניט געקימערט. ער האָט געגעבן גענוג אויף דער הוצאה אין הויז, נאָר געוואוסט וואוהין יעדער סענט גייט אַוועק; ניט געמאָנט קיין חשבון, נאָר ס'איז שוין אַזוי אויסגעקומען אַז ער האָט געוואוסט. און ער האָט ניט געהאַלטן פון האַלטן וואָרט: ער האָט צוגעזאָגט בייטן דעם ביואיק — און האָט ניט געביטן; ער האָט פאַרשפּראָכן אַ פּלעיער־פּיאַנאָ — און ניט געקויפט; ער האָט מיט איר אָפּגעמאַכט ניט צו האָבן אַזוי גיך קיין קינדער — און... —

.4

שפּעט באַנאַכט, ווען אַלע קראָמען זענען געשלאָסן און די אַרבעטער גייען אַוועק, קומען זיך די באַלעבאַטים צונויף צום "פריינט פון דער מענטשהייט" כאַפּן אַ טעפּל קאַווע און אַ שמועס טון, פאַר אַ נאָווינע, וועגן ביזנעס — וועגן וואָס דען זאָלן מענטשן ריידן? עטלעכע מאָל איז סוזי מיטגעגאַנגען.

מ'באַקלאָגט זיך: מע "מאַכט ניט קיין געלט". ביזנעס איז ניט



דאָס וואָס געווען. אָה, ניין — ווייט ניט דאָס וואָס געווען. דאַכט זיך, אין לאַנד איז "פּראָספּעריטי" —אַ צייט פון שפע, הייסט עס. די "גרויסע לייט", די בערן, טוען גרויסע ביזנעס, מאַכן מיליאָנען, נאָר דער קלענערער מענטש — דער קלענערער ווערט צעקוועטשט. דאָס הייסט — שייך "צעקוועטשט"? ... אַ לעבן מאַכט מען נאָך. נאָר וואָסדען? די גרויסע קאָמפּאַניעס דערגייען די יאָר. אָט נעמט, למשל, די "טשעין־סטאָרם" — די רינג־קראָמען. אַמאָל פלעגן זיי אין די אידישע געגענטן ניט אַריינשמעקן, נאָר איצט רוקן זיי זיך ביסלעכווייז אַריין, און זיי קאָנקורירן — ביזן ביין. און די האָל־סעילערם — די הורטאָווניקעס — שטעלן זיך זייערע אייגענע פּרייזן און דעם קרעמער גיבן זיי אַ קליינעם ריוח, און כאָטש שריי חי־וקים. אַ גליק נאָך, וואָס זיי קלערן צו אַלעמאָל עפּעס אַ נייעס: מיטאַמאָל לאָזן זיי אַרויס אַ קלאַנג, אַז לעבער, למשל, איז זייער גוט פאַרן געזונט — זיי האָבן שוין זייערע דאָקטוירים וואָס רעקן־ דער ביליקסטער סאָרט פלייש — צען סענט אַ פונט — גיט אַ שפּרונג אַרויף ביז צו נ י י נ צ י ק סענט אַ פונט. עס ווערט אַן אויסכאַפּעניש אויף לעבער, אַלע פאַרלאַנגען דאַווקע לעבער — אויף נייַנציק סענט אַ פונט! אָדער — טאָמאַטנזאַפט: "וויטאַמינען", זאָגן זיי. וואָס אי'דאָס, אייגנטלעך, "וויטאַמינען"? ... אַניט איז גאָר — הייוון, כע־כע! געהערט אַזוינס: פליישמאַן מאַכט הייוון, הויבן דאָקטוירים אָן שרייען: "הייוון! עסט הייוון!" — עסט דער עולם, ספּעציעל די ווייבער, הייוון... אַ קאָמעדיע! ניין, אַז מ'וויל צוריק, איז נאָך ניט אַזוי שלעכט אין אַמעריקע. נישמער, "קיין געלט מאַכט מען ניט". —

אָטאַזוי נאַכט־אויס, נאַכט־אויס. סוזין איז עס תחילת נמאס געוואָרן, דערנאָך האָבן זי די מאָנאָטאָנע רייד ווי פאַרהיפּנאָטיזירט: זי האָט שוין געוואוסט דעם סדר ווי זיי ווערן אַרויסגעבראַכט און האָט אַרויסגעקוקט אויף יעדן פונקט באַזונדער, ווי אויף די טענער פון אַ באַקאַנטן ניגון: מ'מאַכט ניט קיין געלט... טשעין־סטאָרם... אָטראָ קומט "לעבער" און אָטראָ "וויטאַמינען"... אַ לעבן מאַכט מען... קיין געלט מאַכט מען ניט...

דאָ קומט אויך אַריין, צו די באַנאַכטיקע שמועסן, דער אַפּטייקער מיסטער ליפּעץ, כאָטש ער ער אַליין פאַרקויפט אויך "לאָנטש", נאָר ער שליסט פרי. דער דאָזיקער איז אַ יונגער מענטש פון אַ יאָר צוויי־און־דרייסיק, און ער הערט זיך צו שווייגנדיק צו די אַרומיקע געשפּרעכן. ער וואָלט שוין געהאַט צו דערציילן און דערציילן, איז אָבער זיין ביזנעס אַזעלכע, אַז ריידן וועגן איר דאַרף מען וואָס ווייניקער. ניט־בלויז דאָס וואָס ער פאַרקויפט אַמאָל אַ פלעשל שנאַפּס אויף אַ ניטכשרן אופן — די מיסטעריעס אַרום די פלעשלעך וואָס מ׳מאַכט פון זיי רפואות זענען אַזעלכע, אַז דער כּישוף פון, למשל, די חרטומי מצרים איז אַ הונט קעגן זיי. אויף יענעם וועגטל, אין זיין לאַבאָראַטאָריע, זענען די פאַכן פאַרפילט מיט פלעשלעך, סלאָיעסלעך, שאַכטעלעך, פּודעלעך — אַלע מיט עטיקעטלעך אין אַ פרעמדן לשון, אין שטיקלעך ווערטער און אומפאַרשטענדלעך ראשי־תיבותן — אָבער מיסטער ליפּעצן קאָנען זיי ניט נאַרן. פון דעם ביסל וואָס ער האָט געלערנט, און דער עיקר פון זיין אַפּטייקערשער פּראַקטיק, האָט מיסטער ליפּעץ אַרויסגעקוועטשט אַזאַ מין וויסנשאַפטלעכן אמת: פאַראַן איניקע כעמישע שטאָפן וואָס קאָנען זיין שעדלעך, גיפטיק, אַפילו טויטלעך; קעגן זיי דאַרף מען זיין אויף דער וואַך — שוין צוליב דעם אַליין וואָס דאָס גע־ זעץ איז זייער שטרענג... אַלע אַנדערע שטאָפן זענען גאָרנישט מיט־נישט, בלאָטע שבבלאָטע, אומשעדלעך און אומניצלעך, נישט מער וואָס איניקע קאָסטן טייערער און אַנדערע ביליקער, און אַן אַפּטייקער דאַרף וויסן וואָס ער האָט צו טון, אַן אַפּטייקער דאַרף "האָבן שכל". וואָלט מען נאָר אַזויפיל געלייזט וויפיל עס לאָזט זיך פאַרדינען — אַהאַ! אָבער — ווייס איך וואָס! קויפן קויפט מען מערסטנס די גוט רעקלאַמירטע קאָמפּאָזיציעס פון די גרויס פירמעס, די פּאַטענטירטע רפואות, וואָס לאָזן פאַרן אַפּטייקער אַ קליינעם ריוח. נאָך גוט וואָס מ׳האָט אַ פּאָר אייגענע דאָקטוירים, גיט מען זיך שוין אַן עצה צוזאַמען מיט זיי. —

צו די טישלעך קומט אַמאָל אונטער דער אינטימער פון רעסטאָראַן, מיסטער סעגאַל, אַ מענטש אַן עטלעכע־און־פערציקער, מיט טונקל־



גרויע באַקן און מיט אַ מינע פון איינעם וואָס לײַדט פון אַ פאַר־ צערנדיקער חולאת. ער הערט זיך צו, שאָקלט מיטן קאָפּ, נאָר אַליין ריידן רעדט ער ניט. אַמאָליקע יאָרן פלעגט ער אַריינשיקן לאַנגע "בריוו פון אַ לעזער" צו דער אַנאַרכיסטישער "פרייע אַרבעטער־שטימע" — געווען אַ מיטגליד אין דער קאָמונע פון דער קאָלאָניע קלאַריאָן אין שטאַט יוטאַה — אַנטוישט געוואָרן פון דער וואָכעדיקייט, קליינלעכקייט, געמיינקייט וואָס האָבן די קאָלאָניע סוף־כל־סוף אַראָפּגעבראַכט אין שטויב — דערנאָך געוואָרן אַ קעגנער פון אַלקאָהאָל און אַ וועגעטאַריאַנער, ווײַל די מענטשלעכע נאַטור "דאַרף מען איבערמאַכן פון וואָרצל אויס". דאָס האָט אים געבראַכט צו עפענען אַ וועגעטאַרישן רעסטאָראַן. אָנגעהויבן לשם מצוה, דערנאָך — ביסלעכווייז, טראָפּנווייז, שטופנווייז, גראַדנווייז, פינגער נאָך פינגער, נאָגל נאָך נאָגל, האָר נאָך האָר, און דער עיקר: דאָלער נאָך דאָלער און פּעני נאָך פּעני — געוואָרן אַ געשעפטסמאַן, אַ רעסטאָראַטאָר, "דער פריינט פון דער מענטשהייט". און אַז דער עולם וויל ניט טרינקען דעם קאַפעאין־פרייען "פּאָסטום", סערווירט ער קאַווע, און אַז איינער באַשטייט דאַווקע אויף אַ שטיקל פליש, שיקט ער אַריינגעמען פון קצב אַ סטייק. —

איינמאָל האָט סוזי דאָ געטראָפן יאַלקוטן. ער האָט אויך אַמאָל געהערט צו דער קלאַריאָן־קאָלאָניע, און מיסטער סעגאַל האָט אַרויסגערופן זיין אַלטן באַקאַנטן מיט אַ בריוו: ער וויל נעמען אינשורענס. יאַלקוט איז געזעסן און זיך צוגעהערט צו די געשפּרעכן: "מ׳מאַכט ניט קיין געלט", און דאָס ווייטערדיקע. איבער זיין פּנים זענען אַרומגעלאָפן שאָטנדלעך, זיך פאַרטשעפּעט אָן די נאָזפליגלען, אונטער די אויגן, אויף די שלייפן, געקלעטערט איבער זיינע ביינלפאָרמיקן פליך און געשאָקלט מיטן קאָמישן צעפּל אויף דער קרוין פון קאָפּ, ווי קינדער טרייסלען אַ בוים. סוזי האָט ממש געזען בחוש ווי ער טראַכט, אָט אַזוי פאַר אַלעמען אין די אויגן, נאָר פאַרשטיין זיינע געדאַנקען האָט מען ניט געקאָנט. ס׳איז אויסגעקומען ווי איינער וואָלט געשריען אויף אַ קול, נאָר אויף טערקיש — היינט גיי פאַרשטיי. צום סוף האָט ער געזאָגט, דאַווקע אויף אידיש:

— אַ דיבוק.

עמיצער האָט איבערגעפרעגט:

— האַ?

— איך זאָג — האָט יאַלקוט גלאַטיק פאַרטײַטשט: — נו, און די אַרבעטער?

— וואָס די "אַרבעטער"?

דאָס האָט אָפּגעפרעגט מיסטער גריצהענדלער, דער וואָס פאַרקויפט מילכיקס אין פיור־פוד־מאַרקעט.

— איך מיין ... די אַרבעטער אייערע — מאַכן זיי אויך אַ לעבן, צי ניין? מחמת קיין געלט מאַכן זיי מסתמא אויך ניט. אַזוי ווי איר.

ס'איז אַנגעשטאַנען אַ שטילקייט און אַ פאַרלעגנהייט, ווי בעת איינער רעדט זיך אויס אַ נאַרישקייט אין אַ געזעלשאַפט. לסוף האָט זיך אָפּגערופן העניך קאַץ:

— מיר ריידן נישט פון די אַרבעטער. דאָס איז ז י י ע ר זאַך. מיר ריידן פון די קרעמער.

— גערעכט, גערעכט! — האָט זיך יאַלקוט אַזש ווי דערפרייט. — דאָס איז ז י י ע ר זאַך. גוט געזאָגט, הם... זייער זאַך...

ער האָט עס איבערגעקייעט, נאָכדריינקלעך, ווי העניך קאַץ וואָלט דאָ געהאַט אַרויסגעזאָגט אַ טיפן און אַ נייעם געדאַנק. און מיטאַמאָל האָט יאַלקוט זיך געווענדט צו סוזין:



— וואו האָב איך אײַך געזען פריער? איך האָב אײַך ערגעץ באַגעגנט...

סוזי איז רויט געוואָרן פון דער אומגעריכטקייט.

— ביי די פישעס אין הויז — מיט אַ זעקס חדשים צוריק.

— באַ היימאַנען? — האָט יאַלקוט איבערגעפרעגט. — אַך, יאָ, איך געדיינק שוין —

ער האָט אָפּגעהאַקט אײַנמיטן, געכאַפּט אַ קוק אויף העניך קאַץ, צוריק־אויף סוזין און ווידער אויף העניכן. סוזי האָט געזען ווי די שאָטנדלעך קלעטערן שוין ווידער איבער זיין פליך אַזש צום צעפּל אויף דער קרוין. געזען אַ מענטש זאָל אַזוי טראַכטן אויף אַ קול און ו ו אָ ס ער טראַכט זאָל מען ניט פאַרשטיין! סוזי האָט זיך ווידער פאַררויטלט און אַ צי געטון דעם מאַן באַם אַרבל:

— קום שוין — צייט צו גיין שלאָפן...

.5

סוזי איז געוואָרן מיאוס: געלע פלעקן אויפן פנים, אַ טעמפּער, דערשראָקענער בליק אין די אויגן און אַ פיגור ווי אַ גלאָק — און האָט אויפגעהערט גיין אין מאַרקעט.

זי שלעפּט זיך פויל אַרום איבער אירע חדרים, ווישט דעם שטויב פון די גלאַטע, פּאָלירטע פלאַכן פונם מעבל, און אַלע ווײַלע בלייבט זי זיצן ערגעץ, וואו ס'מאַכט זיך — אויף אַ שטול, אויף אַ דיוואַן, אויפן ווינקל פון אַ טיש — מיט דער שמאַטע אין דער האַנט און מיט דערמזעלבן טעמפּן שרעק אין די אויגן. איינמאָל אין וואָך נעמט זי אַריין אַ שוואַרצע פרוי אויפצוראַמען דאָס הויז, און פונדעסטוועגן איז אַלעמאָל פאַראַן ערגעץ שטויב פאַר איר שמאַטע;

און אַז ניט, גייט ער גאָר ארום ווי עפּעס אַ פּוך אָדער אַ וואַטע באַ
די זייטן פון די צימערן. אמעריקאַנער שטויב! סוזי געדיינקט נאָר־
ניט, אַז ״אין דער היים״ זאָל געווען זיין אַזויפיל שטויב... —
דערנאָך קאָכט זי מיטאָג פאַר העניכן. העניך האָט ליב פלאַנקען
— יעדן טאָג וואָלט ער געגעסן פלאַנקען — און אויך אמעריקאַנער
מאכלים: שפּינאַט, געקאָכטע מערן, בעבלעך־אין־די־שווטן —
״סטרינג־בינס״ — און עפּלפּלאָדן. פו! עס ווערט איר ניטגוט פון די
פּעטע, חלבנע פלאַנקען און פון די נאַרישע בעבלעך... זי אַליין
קאָן גאָרניט עסן. דאָס הייסט — זי וואָלט געגעסן עפּעס אַ גוטע
זאַך, אַ געשמאַקע זאַך: געמאַרינירטע פיש — מנישקעס מיט קעז
— אָדער האָלובצים! נאָר גיי מאַך פאַר זיך ספּעציעלע פּאָטראַוועס,
אַז איר איז אַזוי אויך שווער צו לעבן אויף דער וועלט... פאַרנאַכט
שלעפּט זי זיך ארוים אויף אַ שעה שפּאַצירן איבער גרענד קאָנקורס:
דער דאָקטאָר האָט געהייסן. דער ווינטער איז עפּעס אַ פּוילער, אַ
צעיאַטרעטער: ער האָט באַ זיך ניט אָפּגעמאַכט, צי איז ער ווינ־
טער צי עפּעס אַן אַנדער זמן, אַ ניטגעזעענער, אַ ניטגעוועזענער. קיין
שניי זעט מען ניט, און אָדער עס רעגנט קאַלט און קלעגלעך, אָדער
דער ווינט טראָגט דעם שטויב אין די אויגן און אַפילו אין די ציין
אַריין... און אינעווייניק אין איר וואַקסט עפּעס אַ מוראַדיקע, פאַר־
האַסטע און עקלדיקע זאַך — און גייט אויף איר לעבן! עס רודערט
זיך עפּעס אין איר, עס הייבט זיך ביז אונטערן האַרצן — יאַ־יאַ,
ביז אונטערן סאַמע האַרצן! און גאָרניט — קיינעם אַרט ניט פאַר
איר, מ׳שמייכלט גאָר! אָט איז טילי פיש געווען געקומען צו איר
מיט אַ וויזיט — האָט זי געלאַכט פון איר: ״גיי שוין גיי! וואָס
ביזטו — די ערשטע?... עס וועט זיין אָלראַיט״. און טילי האָט
דערביי געשמייכלט קלוג: זי — וועט זיך ניט לאָזן פּאַקן אַזוי נאַ־
ריש... זי — וועט היטן איר פרייהייט און — איר פיגור. אַ פיגור
האָט טילי אַ קליינע, אַ זשוואַווע, אַ דראַמאַטיקע. עס טרעפט אַמאָל —
פון אַן ״עקסידענט״ איז קיינער ניט באַוואָרנט — אַ מענערשע
האַנט נעמט ארום טילים טאַליע ערגעץ אין אַ ווינקל. טילים לייבטער
און שטאַרקער קערפּער דרייט זיך ווי אַ וויון, רינגלט זיך
און קרייזלט זיך ווי אַ שטאָלענער ספּיראַל — נישט אויף אַרויסצו־



דרייען זיך, פאַרשטייט זיך... אָבער אַז מ׳האָט קינדער איז —
ניקס! דער קערפּער ווערט ווי אַן איבערגעצויגענע גומילאַסטיק:
ניט קיין פאָרם, ניט קיין שפּרינגישקייט. נ־ניין, זי, טילי, וועט עס
ניט דערלאָזן!... דאָס אַלץ האָט סוזי איבערגעלייענט זייער דייט־
לעך אין טילים אויגן און האָט זיך דערפילט נאָך עלנטער און פאַר־
לאָזענער. — אַמאָל כאַפּט זי אַ שטומען און אַ קורצן וויין. סוזי האָט
שטאַרק רחמנות אויף סוזין. אַך, ווען זי וואָלט כאָטש געקאָנט אויס־
קלאַפּן אויף אַ פּיאַנאָ, מיט איר אייגענעם פינגער:

טשי־זשיק... פּי־זשיק... גדיע טי ביל?
פּאָד גאָ־ראָ־אָ־יו וואָד־קו פּיל...

## ד. קוואַק־קוואַק

.1

צוריק פון שפּיטאָל איז סוזי געקומען אַן אויסגעבלייכטע, אַ דורכ־
זיכטיקע, נאָר מיט גרויס־געוואָרענע, אויפגעלויכטענע אויגן: סוף־
כל־סוף איז זי געבליבן לעבן, און דאָס איז דער עיקר. זי האָט מיטגע־
בראַכט פון דאָרט אַ שטיקל צעקנייטשט און רויטלעך פלייש
וואָס האָט געסקריפּעט מיט אַ דין, זקניש שטימעלע. און העניך
האָט געטאַנצט ארום די צוזאַמענגעבונדענע קישעלעך און געטענהט:
״זי כאַפּט דעם אָנבליק פון מיר, נישט אמת, סוזי?...״ סוזי האָט
געמורמלט, אַז יאָ, וועמעס דען אָנבליק וועט זי האָבן? — נאָר אַליין
האָט זי נאָך איבערהויפּט גאָרנישט ניט געזען אין ״איר״, וואָס אַ
נאָמען האָט מען איר געגעבן מינדעלע. אָט צוליב דעם איז זי דאָס
אויסגעשטאַנען יסורים און מוראס חרשים נאָכאַנאַנד?... העניך
האָט געטראָגן אין הויז אַריין פון כל־טוב — פון זיין קראָם, פון
גאַנצן מאַרקעט, פון גאַנצן בלאָק, פון אומעטום וואו מ׳האָט נאָר
געקאָנט באַקומען עפּעס אַ זאַך וואָס איז גוט צום עסן אָדער צום

טרינקען: „נא, עס, עס!" ס'האָט געהייסן: „עס פ ו נ א י ר ע ט ו ו ע ג ן..." סוזי האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס: „דו מיינסט, אַלץ טויג פאַרן קינד — פאַר דער מילך?" — נאָר זי האָט גוט גענערט איר גוף, און איר גוף האָט גענערט די בייבי. מיטן גאַנג פון די וואָכן זענען די קנייטשן פונם שטיקל פלייש פאַרשוואונדן, די רויטקייט פון דער הויט, וואָס האָט פריער אויסגעזען ווי אָנגעריבן מיט א הארטן האַנטוך, איז געוואָרן דורכזיכטיק און צאַרט, און פון די קישעלעך האָט זיך אַרויסגעשיילט א קערפּערל א פרישס און א ציכטיקס ווי אַן אתרוג אין וואַטע, מיט עטלעכע טונקלע הערלעך אויפן קעפּל, מיט א נעזל וואָס ס'איז גאָרניט כדאי צו דערמאָנען, נאָר מיט אייגעלעך ווי קאָרנבלימלעך און א מיילעכל קליין און בלוטיק ווי א שניט אין א וויינשל. איידער סוזי האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט זי שוין געפילט אַזוי ווי עפּעס א נס איז איר געשען, א גליקלעכער נס, וואָס זי ווייסט ניט פונוואַנען ער האָט זיך גענומען, ווייל די יסורים פון טראָגן־און־האָבן זענען איר אינגאַנצן אַרויס פון זינען. זי וואַרט שוין מיט אומגעדולד אויף דער שעה ווען דאָס קינד דאַרף געשפּייזט ווערן, און אין א מין האַלב־שיכרות — א צושטאַנד וואָס איז איר באַקאַנט פון עפּעס אַנדערש — זיצט זי לאַנג אויף אַן אָרט און הערט זיך צו צו דעם וויאַזוי דאָס חיות גיסט זיך אַריבער פון איר צום קליינעם חיהלע בא איר ברוסט — גיסט זיך און גיסט זיך און ווערט ניט געמינערט, נאָר הייבט זיך, אדרבה, ווי עפּעס א כוואַליע העכער און העכער און שלאָגט איר אין קאָפּ אַריין און פאַרטשאַדעט איר געדאַנק. צום סוף פאַלט זי צו מיט אירע ליפּן צום ביז־קאָמיזם־קליינעם מיילעכל און זויגט זיך איין אין דעם אַזוי, אַז דאָס קינד צעשרייט זיך אין אַנימאַליש־בלינדן פּחד און דיסקאָמפּאָרט. סוזי רייסט זיך אַוועק דערפון פּאַמעלעך און מיט שווערקייט: זי האָט באַקומען פונם קינד וואָס זי האָט ניט געהאַט פונם מאַן. —

סוזי האָט א היים. סוזי האָט א מאַן — א סאָרט מאַן. סוזי האָט א קינד, וואָס אַז זי האָט עס ניט געהאַט האָט זי עס ניט געוואָלט, און איצט אַז זי האָט עס ווייסט זי אַז זי האָט עס אַלעמאָל געוואָלט. סוזי האָט זיך אַרויפגעאַרבעט. —



גו, און „סידני"?

„סידנין" האָט זי מער קיינמאָל ניט באַגעגנט, און בא סוזין איז פאַרבליבן א נאָגעניש אונטערן לעפעלע, ניט דאַווקע און ניט באַשטימט נאָך דעם אומבאַקאַנטן בחור, נאָר נאָך עפּעס אַזוינס וואָס סוזי האָט געפונען פאַר מעגלעך צו פאַרבינדן עס אין איר פאַנטאַזיע מיט דעם דאָזיקן בחור — עפּעס אַזוינס וואָס סוזין האָט זיך געוואָלט, ווייל סוזין — דאַרפט איר וויסן זיין — האָט זיך שטענדיק עפּעס געוואָלט, און אַלעמאָל עפּעס אַזוינס פאַר איר אַליין, פאַר סוזין, הייסט עס. די גאַנצע וועלט האָט סוזי רעפערירט אין געדאַנק צו סוזין: איז די דאָזיקע וועלט גוט צו סוזין אָדער שלעכט צו סוזין? און אַזויאַרום האָט סוזי געקאָנט האָבן אויך פריינטלעכע געפילן צו דער וועלט, ווייל די וועלט איז אַן ענין וואָס פּילט אויס סוזיס לעבן; ווייל די פונקציע פון דער וועלט איז צו זיין דער אינהאַלט פון סוזיס לעבן; ווייל וויאַזוי, למשל, וואָלט סוזי געקאָנט לעבן א ן א וועלט? — איף יו נאָו וואַט איי מין!...

2.

אין א מאַי־נאָכמיטאָג, צוויי חדשים נאָכן קימפּעט, האָט סוזי קאַץ צום ערשטן מאָל אַרויסגענומען דאָס קינד אין גאַס אַריין.

פאַר די צוויי חדשים האָט זיך סוזיס קערפּער אויסגעפילט, אויסגעגלעט, אויסגעקיילעכט; די הויט איז געוואָרן ריין און וואַרעמפאַרביק; די גרוי־בלויע אויגן האָבן געשיינט ווי פון א גליקלעכן געדאַנק. מענער האָבן איר נאָכגעקוקט — דעם געשמאַקן, זאַפטיקן, יצר־הרעדיקן ווייב — און זי האָט געשטופּט דאָס קינדערוועגעלע מיט א פאַרטראַכטן פערטל־שמייכל פון געזונט און צופרידנקייט. די בייבי איז פרידלעך געליגן אין וועגעלע מיט א סאָסקע אין מויל.

וואָס נעענטער זי איז צוגעקומען צום „פּיור פוד מאַרקעט", אַלץ געדיכטער איז געוואָרן די צאָל קינדערוועגעלעך אַרום איר: אַנדערע

ווייבער האָבן זיך ארויסגעלאָזן מיט זייערע קינדער איינצוקויפן אויף וועטשערע — אויף "סאַפּער". פאַרבייגייער האָבן זיך דורכגעשטופּט מיט איינגעהאַלטענעם כעס — מיט אַ פיינלעכן קלאַפּ אין קנעכל — אַמאָל אפילו מיט אַ ריס אין די הויזן. אָבער די ווייבער האָבן גדלותדיק געמאַרשירט פאָרויס: זיי פירן מיט זיך "יונג־אַמעריקע" — און די ביזנעסמעסיק־סענטימענטאַל־צביעותדיקע גאַנץ־אַמעריקע האָט זיי געגעבן דעם וועג, מיט אַ "אָה, העלל!" פאַרקריצט צווישן די ציינער. —

אין מאַרקעט האָט סוזים באַוויזן זיך געמאַכט אַ סענסאַציע. זי האָט געלאָזן דאָס וועגעלע באַ אַ זייט פון אַריינגאַנג און אַליין האָט זי דורכגעמאַרשירט ווי אַ פּאַווע כמעט די גאַנצע לייִנג פונם רחבות־דיקן לאָקאַל, ביז צו איר מאַנס אָפּטיילונג. "טאָני" האָט איר נאָכגעקוקט מיט גרויסע איטאַליענישע אויגן. דער קצב האָט צוליב עפּעס אַריבערגעלייגט די קעלבערנע פיסלעך פון איין אָרט אויף אַ צווייטן. דייוו לאַקריץ האָט ארויסגעזונגען אויף אַ קול: "אַ־אַקדמות מלין ושרית שותאַ־אַ־אַ! אוולאַ שקי־ילנאַ הרמאַ־אַן ורשותאַ־אַ־אַ!" יאָסל האָט זי אויפגענומען מיט אַ פייף, אָבער ניט קיין חוצפהדיקן, ווי זיין שטייגער איז געווען, נאָר אַזוי אַ — פאַרטראַכטלעכן, און זיינע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ רויכל. נישט אומגעקוקט זיך אויף איר האָבן בלויז די פּיש אויפן אייז — און רעב שאַיע. — העניך קאַץ האָט זיך אָנגעבלאָזן ווי אַן אינדיק: "ס'איז מיינס! איר פאַרשטייט צי ניין? ווערט אַלע צעפּוקעט קוקנדיק — ס'איז אינגאַנצן מיינס!" דערנאָך איז ער ארויסגעלאָפן דרויסן, האָט ארויסגענומען מינדעלען פון וועגעלע און מיט אַ מין קריי פון נצחון זי אַריינגעטראָגן אין מאַרקעט: "קוקט עס נאָר אָן — ווי געפעלט עס אייך עפּעס, אה? ענלעך אויף מיר, ניט אמת?" אויף וואָס יאָסל האָט ברייט פאַנאַנדערגענומען די הענט און מיט אַ פינגער פון איינער האָט ער אָנגעוויזן אויפן ביינערדיקן, פאַרשטויבטן פּנים פונם גרויליכן אידן און מיט אַ פינגער פון דער צווייטער אויף דעם שיינענדיקן שטיקל לעבן וואָס האָט געשימערירט ווייט־און־רויז, ווי מאַלינעס מיט סמעטענע, — און האָט פייערלעך דערקלערט:



"ווי צוויי טראָפּנס וואַסער... ווי צוויי — טראָפּנס — וואַסער!" העניך איז צוליב עפּעס געוואָרן אין כעס. "ווער פרעגט דען באַ דיר?! גיי דיר צו דיין אַרבעט, גיי!" — אָטדער בחור האָט אים גערייצט די גאַל; ער האָט אים געזייערט דעם טעם פון לעבן! —

שפּעטערצו האָט סוזי געקליבן זאַכן פון איר מאַנס שפּייזקראָם צו נעמען אַהיים, און יאָסל האָט זיי געפּאַקט פאַר איר. יאָסל האָט ניט ארויסגעוויזן קיין שום באַזונדערע דינסטפאַרטיקייט — ער האָט ניט "געסלוזשעט", הייסט עס; פונדעסטוועגן איז געווען עפּעס ווייכס אין זיינע באַוועגונגען, אין זיין שווייגנדיקער אויפמערקזאַמקייט צו סוזים פאַרלאַנגען. אַ שיינער בחור, אָטדער יאָסל. פאַר־וואָס עפּעס האָט זי עס פריער ניט באַמערקט?... "פאַרינאַ, פליז!" און אַז יאָסל האָט דערלאַנגט די פאַרינאַ, איז פּלוצים העניך אויסגעוואַקסן צווישן זיי. זיינע נאָזפליגלען האָבן זיך באַוועגט, די מאָרדע האָט זיך ארויסגערוקט פאָרויס, ווי באַ אַ שפּירהונט וואָס האָט דערשמעקט עפּעס אַ ריח וואָס ער געפעלט אים ניט. ער'ט שוין אַליין געבן וואָס מ'דאַרף, ־'עט ער... ער'ט שוין באַזאָרגן — 'עט ער. און אַז סוזי האָט געשטופּט דאָס וועגעלע, מיטן קינד און מיט די שפּייזן, צוריק אַהיים, איז זי ווידער געווען פאַרטראַכט, נאָר אַנדערש ווי פריער, און מ'האָט שוין ניט געקאָנט וויסן צי זי איז צופרידן צי אומצופרידן, און זי אַליין האָט עס שוין אויך ניט געוואוסט. —

.3

יאָסל האָט ניט געזאָגט גאָרניט צו סוזין, סוזי האָט ניט געזאָגט גאָרניט צו העניכן, העניך האָט ניט געזאָגט גאָרניט צו יאָסלען. נאָר וואָס דען? יאָסל האָט געזען סוזין ווען זי פלעגט קומען אין מאַרקעט נ י ט ק ו ק נ ד י ק א ו י ף א י ר, סוזי האָט אין די נעכט געציטערט פון עקל צו העניכן, העניך איז אין מאַר־קעט געווען צעטראָגענער ווי אַלעמאָל, האָט געמאַכט טעותן מער ווי אַלעמאָל און האָט רק גערופן יאָסלען מיטן נאָמען דזשאָו און זיך פאַרשטעלט די אויערן פון יענעמס פייפן. די אַנדערע קראָמען

אין מאַרקעט זענען פאַרנומען מיט זייערע געשעפטן, פונדערסטוועגן האָט מען באַ זיי געשפּירט, אַז באַם גראָסער דרייט זיך עפּעס אַ רעדל צו האַסטיק — האַסטיקער ווי מ'באַדאַרף. יאָסל האָט גערעדט אַביסל מיט טאָנין און מיט בײדע דייווס און איינמאָל האָט ער אַפילו געפּרואווט פאַרפירן אַ שמועס מיט רעב שאַיען, נאָר אָן באַזונדערן דערפאָלג, און זונטאָג איז ער אַוועק אין אָפיס פון דער אינדוסטריעלער יוניע פון די שפּייזאַרבעטער.

דער סעקרעטאַר חבר שוסטער, אַ קריינקלעכער באַבריליטער מענטש אין די שפּעטע דרייסיקער, האָט אויסגעהערט שניצנדיק אַ בלייפעדער מיט זיין מעסערל, דערנאָך האָט ער דאָס מעסערל פאַרמאַכט, דער־ נאָך ווידער געעפנט און אַוועקגעלייגט עס געבן זיך.

— הערט זיך איין, חבר יאָסל. די אינדוסטריעלע יוניע פון שפּייזאַרבעטער האַלט ערשט אין ווערן — אַ ל ע אונדזערע אָרגאַניזאַציעס, אין תוך, האַלטן ערשט אין פאָרמירן זיך. און זיי וואַקסן — פ ו ן די קעמערלעך אַרויס, פון ווירקלעכע נויטן און קרעפטן אַרום אונדז — און דערנאָך ערשט קומען זיי צו אונדז. נאַטירלעך, מיר פירן אָן די אַרבעט, אָבער ט ו ן די אַרבעט — דאַרפן די אַרבעטער אַליין, אויף זייערע ערטער. פאַרשטאַנען?

חבר יאָסל האָט אויך דאָ אונטערגעפּייפּט — ער האָט, אַפּנים, אַנדערש ניט געקאָנט — נאָר דער טאָנקאָליר איז געווען אַן אַנדערער.

דער סעקרעטאַר האָט געשוויגן אַ ווײַלע און:

— איז אַזוי: מיר אייך קאָנען ניט העלפן. און עס לוינט זיך ניט: מיר קאָנען זיך דען אָננעמען פאַר יעדן איינצלנעם אַרבעטער וואָס געפינט זיך ערגעץ באַ אַ קאַקראָוטש־באָס?

— ניין, — האָט יאָסל געזאָגט. — איך וויל גאָרניט מ'זאָל זיך פאַר מיר אָננעמען. איך קאָן אַליין ביישטיין מיין שטעטל. נאָר וואָס־



רען? ס'איז אַ מאַרקעט — אַ פונקט. עס זענען פאַראַן נאָך אַרבעטער — באַ די אַנדערע קראָמען.

— אַ־אָט! — האָט דער סעקרעטאַר אונטערגעכאַפּט. — ליגט עס טאַקע אויף אייך. זעט וואָס איר קאָנט טון.

— הם... עס וואָלט אַלץ גוט געווען, ווען עמיצער אַנדערש האָט טראָבל מיט זיין באָס, נישט איך. איצט וועל איך קומען צו זיי ריידן, הייסט עס, ווייל איך —

— מ־יאָ. טאַקע ניט אַזוי גוט. אָבער דאָס איז א י י ע ר זאַך. איר'ט שוין זען. אויב איר'ט סטרייקן — אָבער וואַרט אַ ווײַלע: וואָס, האָט איר געזאָגט, זענען די שכירות? —

יאָסל האָט אַרויסגענומען פון בוזימקעשענע אַ פּאַפּירל.

— איך קריג פינפאונצוואַנציק דאָלער אַ וואָך. איך בין דער בעסטבאַצאָלטער אַרבעטער אין מאַרקעט. דער עלטערער אַרבעטער באַם מילכער — צוואַנציק. דער אינגערער — אַ אינגל, אמת — אַכט. איר הערט, חבר סעקרעטאַר? — א כ ט ד אָ ל ע ר א ו ו אָ ך! דער איטאַליענער, אַ פאַמיליענמאַן, אַ שווערער אַרבעטער, אַליין אַ גוטער, געניטער גערטנער — אַכצן דאָלער. אַ סקאַנדאַל! נו, אַחוץ דעם איז פאַראַן אַ... אַן אַרויסהעלפער באַם פישלער. ווי זאָל איך אייך זאָגן? ע ר באַקומט ג אָ ר נ י ש ט קיין געהאַלט. ווייס? דאָס איז עפּעס ווי די קעלנערס אין די רעסטאָראַנען: מ'לאָזט אים „טיפּס", לאָזט מען אים. וואָס ער מאַכט דאָרטן קאָן מען באַ אים ניט וויסן. געפּרואווט אַ רעד טון מיט אים — ער שווייגט. ווייניק האָפנונג אויף אים.

— זייער גוט, — האָט דער סעקרעטאַר פאַרצייכנט באַ זיך אין אַ ביכעלע. — מירן אויסאַרבעטן אַ סקעיל. מירן שיקן אַן אָרגאַ־

נייזער. און אויב איר וועט סטרייקן, וועלן מיר אייך שטיצן — "מאָראַליש": אין דער "פרייהייט", מיט פלוגבלעטלעך. וועגן סטרייק־בענעפיט — פאַרגעסט. פיקעטן וועט איר דאַרפן אַליין. וועט איר געווינען, וועט דער "שאַפּ" ווערן אָרגאַניזירט, און דאָס וועט שטאַרקן די יוניע אויך. דער מאַרקעט איז דאָך נאָך אינגאַנצן ניט אָרגאַניזירט, אה? נו, איז טאַקע גלייכער איצטער, איידער די רעכטע שטעקן אריין אַ פוס.

— אביסל ארבעט האָב איך ש ו י ן אריינגעלייגט... וועל, מירן זען.

יאָסל איז אויפגעשטאַנען פון פלאַץ, נאָר האָט זיך נאָך פאַרהאַלטן אַ ווײַלע.

— וואָס איז, חבר יאָסל? וואָס נאָך?

יאָסל האָט זיך פלוצים צעלאַכט: וואָס איז ער דאָ — געקומען צום רב פרעגן אַ שאלה?... דער סעקרעטאַר האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— גאָרניט, גאָרניט, חבר סעקרעטאַר... אַ גוטן טאָג. —

.4

שבת באַטאָג, אין סאַמע קאָך פונם האַנדל אין מאַרקעט, האָבן סוזי מיט יאָסלען זיך באַגעגנט הינטערן קאָונטער, וואו עס איז שווער געווען זיך אויסצומײַדן. יאָסל איז געוואָרן בלייך און סוזי רויט. דערנאָך האָבן זיי זיך געביטן מיט די קאָלירן. דאָס האָט געדויערט בלויז אַ פּאָר סעקונדן, נאָר העניך איז אויסגעוואַקסן נעבן זיי מיט אַזא דערצאָרנטער מינע, אַז די באַגעגעניש צווישן די דריי האָט זיך תיכּף פאַרוואַנדלט אין אַ שווייגנדיקן צוזאַמענשטויס, אין אַ מין שטומען סקאַנדאַל, ווײַל קיינער פון זיי האָט ניט אויסגערעדט קיין



וואָרט. סוזי איז אַוועק אַהיים, און העניך קאַץ האָט שוין ניט אויפגעהערט צו טשעפּען זיך צו יאָסלען דעם גאַנצן טאָג: וואָס יענער האָט געטון איז העניכן ניט געווען געפעלן, און אַז יאָסל האָט ניט געענטפערט אויפן רוף "דזשאָו" איז העניך געוואָרן ווילד און איז הינטערגעלאָפן הינטער זיין פלייצע מיט אַ געשריי: "פאַרוואָס רופסטו זיך ניט אָפּ, דו, אַז איך דאַרף דיך?! וואָס מיינסטו, כ׳על דיר צאָלן געלט אומזיסט?..." ערשט דעמלט האָט יאָסל זיך אומגעקערט מיטן פּנים צו העניך קאַץ און האָט מיט קאַלטן כעס געזאָגט:

— מיין נאָמען איז ניט דזשאָו. אַז איכ׳ל אייך רופן "מיסטער קאַטער" וועט איר זיך אָפּרופן?...

העניך איז געוואָרן בלייך.

— ווי — ווי — קאָטער רופסטו מיך?! דו — אַזוינער און אַזוינער — איכ׳ל דיר ווייזן אַ קאָטער — איך... איך... דו קאָנסט זיך תיכּף אָפּטראָגן פון דאַנען, דו הערסט?... די מינוט! דיין פוס זאָל זיך דאָ ניט געפינען! —

יאָסל האָט זיך אַוועקגעקערט פון אים, האָט געלאָזן פאַרענדיקט די ארבעט וואָס ער האָט געהאַלטן אין טון, דערנאָך האָט ער אויסגעטון דעם פאַרטוך.

פאַרנאַכט איז געקומען צו גיין אַן אָרגאַנייזער פון דער אינדוסטריעלער יוניע. העניך קאַץ האָט זיך אויסגעלאַכט.

— וואָסער יוניע, וועלכע יוניע — איך קען ניט קיין יוניעס, איך האָב מיט קיין יוניעס ניט צו טון. גייט אייך געזונטערהייד!

דער אָרגאַנייזער האָט גענומען גערולדיק איינטענהן מיט אים, נאָר העניך האָט געענטפערט:

— מיסטער, פאַרדרייט מיר נישט קיין קאָפּ, איר הערט? איך בין א פאַרנומענער מענטש. איך קען אייך ניט און ו ו י ל אייך ניט קענען. כ־כע! ער'ט באַ מיר סטרייקן, 'עט ער! ניטאָ ווער ס'זאָל לאַכן...

— ניט באַ אייך אַליין — דער גאַנצער מאַרקעט וועט סטרייקן...

העניך האָט אים אָנגעקוקט ווי א משוגענעם.

— דער מאַרקעט? וואָס גייער איך זיך אָן מיטן מאַרקעט? וואָס גייער זיך דער מאַרקעט אָן מיט מיר?

— צי איר גייערט זיך אָן צי ניט — ווייס איך ניט, נאָר באַ אונדז, באַ דער אינדוסטריעלער יוניע, איז א גאַנצער מאַרקעט א "יוניט" — איין שאַפּ... מירן אַרויסרופן א סטרייק באַ אַלע סטענדס וואָס האָבן אַרבעטער. מיר האָבן, נישקשה, גענוג טענות צו די אַנדערע קרעמער אויך. נאָר אַזוילאַנג ווי איר הויבט ניט אָן, וועלן מיר עס דערווייל לאָזן גיין. איז וואָס זאָגט איר? —

פון אים איז ער אַוועק צום מילכער. מיסטער גריצהענדלער האָט געזאָגט: וואָס־זשע? ער וועט פירן פאַר קאַצן יענעמס געשעפטן?... און אַז דער אָרגאַנייזער האָט אים דערקלערט דעם ענין אויספיר־לעבער, האָט ער אַ קוק געטון אויף דייוון און דייווין: "אַזוי גאָר? איר זענט שוין אויך אין דער מיט — איר געהערט שוין נאָר צו א יוניע, אַה?... וואָס זשע מיינט איר, איכ'ל ניט קריגן קיין אַנדערע 'שטאָט אייך?..." מיסטער דזשייקאָבסעם בנים האָבן געפּרוּווט זיין גראָב צום אָרגאַניזירער, וואָס דאָס האָט דער פאָטער ניט דערלאָזן, אָבער דערקלערט האָט ער, אַז ער קאָן זיך באַגיין אָן טאָנין: "איר זעט אָטדי צוויי באָיעס מיינע? זיי קאָנען אַרבעטן, יעדערער פון זיי, פאַר צוויי טאָנים. און איך קאָן קריגן א נייעם אויך, פאַר אכט דאָלער א וואָך — אַנדערסטענער?" דער אָרגאַניזירער האָט נאָך א קוק געטון צום פיש־קאַונטער, האָט א מאַך געטון מיט דער האַנט און איז אַוועקגעגאַנגען. —





.5

העניך קאַץ האָט מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט די סצענע אין מאַרקעט צווישן סוזין, יאָסלען און אים — ער האָט זיך געהאַט זיין אייגענע סטראַטעגיע — נאָר מאָנטאָג אינדערפרי, פאַרן אַוועקגיין אין געשעפט, האָט ער אָנגעזאָגט סוזין, זי זאָל קומען צען אַזייגער אַרויסצוהעלפן אויף א פּאָר שעה, דערנאָך וועט זי קאָנען אַוועקגיין ביז דריי באַטאָג און צוריקקומען ווידער אויף א דריי שעה — ביז ער וועט קריגן אַן אַרבעטער.

אַז סוזי איז צוגעקומען צום מאַרקעט מיטן קינדערוועגעלע, האָט זי זיך אָנגעשטויסן אויפן איטאַליענער וועלכער האָט געשפּאַצירט איבערן טראָטואַר מיט א פּלאַקאַט אויף דער ברוסט: "דער "פּיור פוד מאַרקעט" איז ניטיושרדיק צו זיינע אַרבעטער". אביסל ווייטער איז אים אַנטקעגן געגאַנגען יאָסל מיט אַן ענלעכן פּלאַקאַט. א שטימונג דאָרט איז געווען אַן אויפגעבראַכטע, א בעסדיקע. פון דער יוניע האָט מען צוגעשטעלט א צעטל מיט פאָדערונגען: 1) צוריק אָנשטעלן יאָסלען; 2) העכערן די שכירות פון די אַנדערע אַרבעטער אַזוי: פון דזשוזעפּע באַססאָ ("טאָני") ביז 25 דאָלער א וואָך, פון דייוו לאַקריץ ביז 22, פון דייווי פאַקס ביז 12; 3) דער פישלער זאָל צאָלן רעב שאַיען 1 דאָלער א טאָג, אַחוץ די פענים וואָס מ'וואַרפט צו אים אין גלאָז. — באַם מילכערס טיש האָט מיסטער גריצהענדלער זיך צעריסן אַרבעטנדיק איינער אַליין פאַר דריי און האָט אַלעמאָל זיך פאַרקוקט צום אַריינגאַנג: פאַרוואָס קומט ניט זיין ווייב? העניך קאַץ איז אַרומגעלאָפן מיט אָנגעשטריינגטער שמידיקייט, ווי זיין ביזאַיק אויפן שליאַך. די דזשייקאָבסעס האָבן גענומען דעם עסק געלאַסענער, און באַ דער הינטערשטער וואַנט איז רעב שאַיע געשטאַנען אויף זיין אָרט און געשאָבן פיש. וועגן דער פאָדערונג פון דער יוניע וועגן א דאָלער א טאָג פאַר אים האָט ער גאָרניט ניט געזאָגט, נאָר די אַרבעט האָט ער אויך ניט געוואָרפן...

דורכן טאָג האָבן די געשעענישן זיך אויפגעוויקלט אויף אַזאַ מין אופן :

— — — מיסעס גריצהענדלער, אַ פּעטע אידענע מיט איין אויג קלענער פונם צווייטן, איז געקומען צו לויפן העלפן איר מאַן. זי האָט זיך געגעבן אַ דריי און האָט אריינגעוואָרפן אַ שווערן שטיק שווייצער־קעז אין אַ קאַסטן מיט דזשוירזי־אייער. —

— — — לואיס דזשייקאָבס האָט טאַקע געקאָנט אויפהייבן אַ שווערן קויש, אָבער די פּאַמעלעכע ארבעט פון איבערקלייבן די פרוכטן און ארויסוואַרפן די נאַסע און די פוילע האָט אים גענודיעט באַם הארצן, האָט ער זי איבערגעגעבן זיין ברודער אַלעקסן ; האָט עס אים אויך גענודיעט באַם הארצן, האָבן זיך די צוויי ברידער שיר ניט צעשלאָגן. —

— — — העניך קאַץ האָט געהאַוועט צווישן די זעק און די קאַסטנס און סוזי האָט געקלונגען מיט דער קאַסע, נאָר די בייבי, וואָס איז ניט געוויינט געווען צו זיין אַזוי פרי אין גאַס, האָט זיך אַלעמאָל צעשריען, און סוזי האָט געמוזט לויפן זי איינשטילן. ווען סוזי איז מיטאָגצייט געגאַנגען אהיים, האָבן שוין נעבן דער קראָם פּרקעטירט מיט די פּלאַקאַטן ניט יאָסל און טאָני, נאָר דייוו און דייווי.

— — — צוועלף אזייגער איז ארויס די "פרייהייט", און די נאָטיץ וועגן דעם סטרייק האָט געבראַכט אין מארקעט אריין אַ פּאַרשטייער פון דער רעכטער יוניע ; ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט צושיקן אַזויפיל ארבעטער וויפיל מ'דאַרף, נאָר אַזוי שנעל ווי העניך האָט דערהערט דאָס וואָרט "יוניע", האָט ער זיך צעשריען : ער דאַרף ניט קיין יוניע — ער האָט ניט צו טון מיט קיין יוניעס — ער וועט קריגן אַן ארבעטער פון אַן אגענטור ; דאָסזעלבע האָט געזאָגט מיסטער גריצהענדלער.



— — — שפּעטער איז געקומען צו לויפן יעקב לאַפּידעס — אַ פריילעכער, אַ גוטמוטיקער, דער וועלטס אַ "גוטערברודער" דורך־און־דורך. ער האָט אַ פּאַטש געטון דייוון איבער דער פּלייצע : "אַ סטרייק, אה ? דערציילט, דערציילט — מירן אייך געבן פּובליסיטי, מיר זענען אַן אומפּאַרטייאישע צייטונג, יו נאָו". דייוו לאַקריץ האָט אים בקיצור איבערגעגעבן די פאָדערונגען, און לאַפּידעס איז אוועקגעלאָפן פון אים צו קאַצן, צו גריצהענדלערן, צו די דזשייקאָבסעס — ווי עס פּאַסט פאַר אַן אומפּאַרטייאישער צייטונג : מ'דאַרף אויסהערן ביידע צדדים. —

.6

דריי אזייגער איז סוזי געקומען מיט דער בייבי צוריק. זי האָט אוועקגעשטעלט דאָס וועגעלע דרויסן בּאַ דער וואַנט, נעבן דעם קאַסטן מיט טאָמאַטן, און געוואָלט אריינגיין אינעווייניק, ווען צוויי אידישע בחורים זענען געקומען צו גיין פון דער אַנדערער זייט. עס איז געווען צו דערקענען אַז זיי קומען פון אַן ארבעט־אַגענטור. פאַרן מארקעט האָבן זיך שוין ווידער געדרייט יאָסל און טאָני, און איינער פון די בחורים האָט אַ קוק געטון אויף די פּלאַקאַטן און זיך תיכּף פאַרקערעוועט צוריק, דער צווייטער איז געבליבן שטיין און זיך געקראַצט אין דער פּאַטילניצע, ביז יאָסל האָט זיך געלאָזן גיין גלייך אויף אים מיטן פּלאַקאַט אויף דער ברוסט ; דעמלט האָט דער צווייטער בחור זיך געגעבן נאָך אַ קראַץ און איז זיך אויך אוועקגעגאַנגען. סוזי האָט זיך אָנגעכמורעט. מיין גאָט — דאָס אי'דאָך עפּעס פּשוט גענומען באַם גאָרגל ! וואָס זשע, זי וועט אַלעמאָל דאַרפן לויפן אהער מיטן קינד, וואָס ? . . . מינדעלע איז שוין אַזוי אויך צערייצט, קאַפּריזנע, וויינט כמעט דעם גאַנצן טאָג — גאָר אַן אַנדער קינד געוואָרן. און סתם — וואָס טויג איר, סוזין, דער גאַנצער טראָבל ? ווען אָטדער בחור זאָל דאָ בלייבן ארבעטן, וועט שוין העניך אַלעמאָל ארומגיין מיט פאַרשפּיצטע אויערן און שמעקן מיט דער נאָז . . . מוחל ! — און סוזי איז אריין אין מארקעט מיט אַ מינע פון איינער וואָס פאַרקאַשערט די ארבל. —

די פלאַקאַטן האָבן זיך באַוועגט פון זייט צו זייט איבערן פראָנט פון לאָקאַל, האָבן זיך באַגעגנט אינדערמיט און זיך ווידער פאַנאַנדער־געגאַנגען, ריידנדיק גלייכצייטיק שטום און אויף אַ קול צו די פאַרבייגייער: "דער "פיור פוד מאַרקעט" איז נ י ט י ו ש ר ד י ק צו זיינע אַרבעטער!" אויף די קונים האָבן זיי קיין שטאַרקן איינדרוק ניט געמאַכט. אַ גאַנצן טאָג זענען מענטשן געגאַנגען אַריין און אַרויס, ווי זיי וואָלטן די לעבעדיקע, באַוועגלעכע, שטום־שרייענדיקע פלאַקאַטן ניט געזען און ניט געהערט. יאָסל ווייסט, אַז אין דער יוניע טראַכט מען וועגן אָרגאַניזירן אַ גרופּע חברטעס צו העלפן פּיקעטירן בעת אַ סטרייק ניט קענן סטרייקברעכער, נאָר קענן די קונים, צו העלפן געווינען די סימפּאַטיעס פון די קאָנסומענטן. ערשט איצט זעט ער, ווי נויטיק דאָס איז. פונדעסטוועגן — פון צייט צו צייט האָט אַ מענטש זיך אָפּגעשטעלט אומאַנטשלאָסן, געקוקט אַ ווײַלע און אַוועקגעגאַנגען איינקויפן ערגעצאַנדערש. און דאָס האָט געטראָפן עפּטער מיט מענער ווי מיט פרויען. —

וועגן דעם טאַקע האָט יאָסל געטראַכט. ע פ ט ע ר מ י ט מ ע־נ ע ר ו ו י מ י ט פ ר ו י ע ן... פאַרוואָס איז עס אַזוי? פרויען קאָנען זיין אַזוי מיטפילנדיק... אַזוי... אַזוי וויבראירנדיק צום ריר פון אַ פינגער (יאָסל שפּילט אַביסל מאַנדאָלינע)... אפילו צו אַ בליק: יענע שטומע סצענע דאָרט הינטערן קאָונטער האָט אים אינגאַנצן צעשרויפט. וואָס זשע איז עס פאָרט? וואָס איז דער מיין דערפון?...

יאָסל האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ אַ ווײַלע און דערנאָך אים ווידער אויפגעהויבן: אַה, קיין טיפע סודות זענען דאָ נישט פאַראַן. זאַכן זענען אַסך פשוטער ווי זיי זעען אויס. קודם כל — וויפיל קאָסטן דאָס אינגאַנצן מענערשע איינקויפערס אין אַ שפּייזמאַרקעט? אַ פרוי גייט אויך אַמאָל אַוועק נאָך אַ בליק אויף די פלאַקאַטן, נאָר זי זעט זיך ווייניקער אָן אין דער גרויסער צאָל ווייבערשע קונים. צווייטנס: די פרוי איז עס די וואָס פירט די הוצאה; זי איז עס די וואָס מוז זיך בייסן די פינגער מיטן געלט וואָס דער מאַן גיט איר, "מאַכן דעם



דאָלער גיין אַזוי ווייט ווי מעגלעך", ווי מ'זאָגט אין אַמעריקע. און דריטנס — און דאָס איז דער עיקר —

דאָ האָט זיך עפּעס געמאַכט וואָס האָט איבערגעשלאָגן יאָסלען זיין שמועס מיט יאָסלען —

— — — די זון האָט זיך דערווייל אַרונטערגעלאָזן נידריק צו מערב, האָט אַ פלייץ געטון מיט הייסן, צעשמאָלצענעם גאָלד איבער דער לייִנג פון בוירנסאַיד־עוועניו, האָט אָנגעגליט די טאָמאַטן אויפן שטאַנד ווי אַ פאַן מיט קוילן און האָט אַריינגעטראָפן אין וועגעלע וואו מינדעלע איז געלעגן. אַ פּאָר בלויע אויגעלעך האָבן זיך אָן עפּן געטון גלייך אַרויף, צו דער בלויער און שווינדלדיק־ווייטער אומענדלעכקייט, און פונם מיילעכל וואָס איז געווען קליין און בלוטיק ווי אַ שניט אין אַ ווײַנשל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ דין, אויסגעצויגן געשריי — הילפלאָז, רחמנותדיק, מיזעראַבל, ווי דער פּישטש פון אַ קראַנק אָדער הונגעריק פייגעלע. באַ טאַנין זענען די אויגן געוואָרן גרויס ווי צוויי רייפע פלוימען. ער האָט געוואָרפן צו יאָסלען עפּעס אַ ווייבערשן, ווייִנענדיקן שמייכל, דערנאָך האָט ער אַ קוק געטון אויפן קינדערוועגעלע, דערנאָך ווידער אויף יאָסלען. ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט אין גאַנג, האָט באַ יאָסלען געצוקט דער לינקער ווינקל פון מויל, נאָר ער האָט שטרייִנג געשאָקלט מיט קאָפּ אויף "ניין!" און האָט אים צוגעגעבן מוט מיט אַ חברשן קלאַפּ אין פּלייצע. טאָני האָט געפאָלגט און געשפּאַנט ווייטער צו דער צווייטער זייט פון מאַרקעט. נאָר אין טיר איז שוין געשטאַנען סוזי און האָט מיט רויטע אויגן געקוקט אויף יאָסלען. דערנאָך האָט זי זיך אַ לאָז געטון צום וועגעלע מיט הענט אויסגעשפּרייט ווי אַ פּאָר פליגלען, מיט געבויגענעם רוקן און אָפענעם מויל. "קוואַק־קוואַק־קוואַק־קוואַק־קוואַק!" — דעם קלאַנג האָט יאָסל דייטלעך געהערט אַרויסקוועלן באַ איר פון האַלדז, אָבער דאָס איז געווען אַ טעות, אַ האַלוצינאַציע. סוזי איז אים פאַרבייגעלאָפן מיטן קינד אויף די הענט, האָט אים אָפּגעבריט מיט אַ שנאהדיקן בליק פון רויטע אויגן און איז אַריינגעלאָפן אינעווייניק, אָבער זי האָט ניט געקוואַקעט — אַך,

ניין! יאָסל איז געוואָרן בלייך ווי אַ נענער ווערט — וואָלקנגרוי, נאָר זיין בליק איז געוואָרן האַרטער. — — —

... און דריטנס — האָט יאָסל פאַרענדיקט זיין אַרגומענטאַציע מיט זיך — און דאָס איז דער עיקר: קוואַק־קוואַק!... —

## ה. די צעשטערטע אידיליע

.1

אויף מאָרגן איז יאָסל קוים אָפּגעשטאַנען זיין צייט ביז צוועלף אזייגער אין פראָנט פון מאַרקעט, דערנאָך איז ער אַוועקגעלאָפן אין דער יוניע. דער סעקרעטאַר האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ בלאַט פון לאָפּידעסעס ציי‌טונג: לייענט.

— — — "אין "פיור פוד מאַרקעט", אויף בוירנסאַיד־עוועניו, סטרייקט מען. עס סטרייקן — פיר מענטשן, כע־כע! פונדעסטוועגן, דאַרף מען עס ניט נעמען אַזוי לייכט. וואָרים ווייסן זאָל איר זיין, אַז פריער זענען די באַציאונגען צווישן די קרעמער און זייערע אַרבעטער געווען, קאָן מען זאָגן, אידילישע — יאָ־יאָ, ניט ווייניקער! ביז עס זענען געקומען די "לינקע" און האָבן — אַזוי זיך, מירניט, דירניט — אַרויסגערופן דעם סטרייק. די לינקע פאַנאַטיקער ווערן פשוט אַ געפאַר פאַרן עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד. דאָס הייסט, עפּעס וואָלט מען טאַקע געדאַרפט טון פאַר די אַרבעטער — אָה, געוויס! עמיצער וואָלט עפּעס געדאַרפט טון פאַר די אַרבעטער. אָבער דאָס אַלץ אין די גרעניצן, אין די מעגלעכקייטן פון אונדזער עקאָנאָמישער סיסטעם. נעמט, למשל, די קרעמער אַליין: זיי לעבן אויך ניט קיין האָניק. "קאָמפּעטישאָן" — די קאָנקורענציע, הייסט עס — איז אַזוי גרויס, האָט מיר אַ קרעמער דערציילט, אַז מ'שניידט זיך פשוט די גאָרגלען איינער דעם אַנדערן. לעצטנס האָט אָנגעהויבן וואַקסן אַ נייע צרה אויפן קאָפּ פון די אידישע שפּייזקרעמער: די רינג־קראָמען — די "טשעין־סטאָרס".



אַמאָל האָבן זיי קיין דערפאָלג ניט געהאַט אין די אידישע געגנטן, ווייל אידן שפּייזן זיך אַנדערש ווי גוים, און אָטדי אַלע רינג־קראָמען, ווי די "עי ענד פּי", "דזשיימס באָטלער", "דעניעל ריווס" און אַנדערע, האָבן געהאַלטן בא זיך אַן אויסוואַל פון אַרטיקלען וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן פון יענקישן באַרג־סיני. לעצטנס אָבער האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָצעס פון קעגנזייטיקער דערנענטערונג: די רינג־קראָמען האָבן נאָכגעגעבן אַביסל און דער אידישער געשמאַק — אַסך. פאַרן בעסטן ביישפּיל קאָנען דינען די "בוטשער־סטאָרס" — די יאַטקעס. עס איז ידוע, אַז אידן עסן בעסערע און פרישערע פליישן: דערצו האָבן געבראַכט די דינים פון כשרות. אַז אַ גויאַישער באַלעבאָסטע פלעגט זיך פאַרגלוסטן אַ גוט שטיקל פלייש, פלעגט דאַרפן גיין נאָך דעם אין אַ אידישער געגנט, צו אַ אידישן בוטשער. איצט זענען די גרויסע קאָמפּאַניס געפאַלן אויף אַ שכל: זיי עפענען יאַטקעס טאַקע אין די אידישע געגענטן, וואו זיי האַלטן אידישע און גויאישע אָנגעשטעלטע און פאַרקויפן אידישע און גויאישע פליישן צוזאַמען. דער רעזולטאַט איז: אידן געוויינען זיך צו צו טרייפענע פליישן, נאָר זיי מוזן זיין פונקט בעסטן סאָרט, וואָס דאָס האָט געפירט צו אַ צווייטן רעזולטאַט וואָס קלינגט פשוט אַנעקדאָטיש, נאָר וועלכער איז פונדעסטוועגן דער ריינער אמת: היינט, אַז אַ גויאישע באַלעבאָסטע וויל האָבן אַ גוט שטיקל ...חזיר־פלייש, מוז זי אַלץ אָנקומען צו די געמישטע פליישקראָמען אין די אידישע געגנטן!... אָבער ווי דאָס אַלץ רופט זיך אָפּ אויף די פאַרקויפער פון בשר כשר — איז לייכט צו פאַרשטיין..." — — —

קורץ: אָנשטאָט אַ באַריכט וועגן דעם סטרייק אין "פיור פוד מאַרקעט", האָט זיך בא לאָפּידעסן באַקומען אַן "עסעי" וועגן דער לאַגע פון די אידישע שפּייזקרעמער אין נויאָרק. —

יאָסל האָט מיט כעס אַוועקגעוואָרפן די ציי‌טונג. דער סעקרעטאַר האָט געזאָגט:

— מיר וואָרענען די אַרבעטער ניט צו האָבן קיין מגע־משא מיט די לייט — און זיי פאָלגן ניט. ווער האָט אים געגעבן די איינצל־הייטן ?

— ניט איך. דער עלטערער אַרבעטער באַם מילכער. איך וואָלט מיט אים ניט גערעדט — נאָר ער וואָלט סיי ווי געשריבן. אָבער איך בין געקומען אהער צוליב עפּעס אַנדערש. איך וויל פאָרשלאָגן — מ'זאָל דעם סטרייק... צוריקרופן.

חבר שוסטער האָט אויף אים אויפגעהויבן די ברילן:

— פאַרוואָס ?

— מיר קאָנען ניט געווינען.

— נאָך איין טאָג סטרייקן האָט איר שוין פאַרלוירן דעם מוט ?

— עס האָט ניט קיין זינען. געווינען איז — איז אוממעגלעך.

— כ'פאַרשטיי ניט.

יאָסל האָט זיך געקנייטשט און געקרימט.

— מיין אייגענער באַס וועט באַין אופן ניט נאָכגעבן. דאָ קומען אַריין אַזעלכע מאָטיוון... זייטיקע. נו, פּשוט: ער איז — אייפער־זיכטיק.

— עה ?...

חבר שוסטער האָט שוין פון יאָסלען קיין אויג ניט אַראָפּגענומען.

— וואָס אי'דאָ פאַר אַ מעשה ? איר האָט דאָ אַריינגעפּלאָנטערט פאַר־זענלעכע עסקים ?



יאָסל האָט זיך אָנגעכמורעט.

— איך האָב דאָ קיין זאַך ניט אַריינגעפּלאָנטערט. און קיין מעשה איז דאָ אויך ניטאָ... ער האָט זיך עפּעס אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, און דאָ וועט שוין קיין זאַך ניט העלפן.

— אַז־זוי! — חבר שוסטער האָט זיך אָנגענומען מיט אַ האַנט פאַרן שפּיץ פון קין און האָט קאַלט געקוקט אויף יאָסלען. — די ״אינ־דוסטריעלע יוניע פון די שפּייזאַרבעטער״ פירט אַ ליבע מיט דער באַלעבאָסטע און סטרייקט קעגן באַלעבאָס... דאָס איז אַ נייע ווענדונג אין דער פּאָליטיק פונם אַרבעטערקלאַס. דאָס וואָלט מען באַדאַרפט פריער באַהאַנדלען אין אונדזער פּרעסע. המ...

— אָבער איך זאָג דאָך אייך, אַז עס הויבט זיך ניט אָן! ער האָט זיך אַריינגענומען אַ מאַנקאָליע אין קאָפּ, און די אַנדערע אַרבעטער וועלן דאָ ליידן אומזיסט. איך, ווידער, קאָן מיר געפינען אַן אַנדער פּלאַץ — אַז איך װ י ל שוין גאָר צוריק ניט גיין!...

דער סעקרעטאַר האָט אויסגעגלייכט דעם רוקן ווי אַ שטאָלענע שפּרינ־גע:

— וואו זשע זענט איר געווען פריער, חבר יאָסל? חבר יאָסל, חבר יאָסל — וואו זענט איר געווען פריער?! איך מיין, חבר יאָסל — וואו זענט איר געווען פ ר י ע ר, אַה?!

אַזוי ווי אַ בייטש וואָלט זיך נאָכאַנאַנד געהויבן און געפאַלן מיט אַ סווישטש, אַזוי האָבן זיינע ווערטער געהאַגלט איבער יאָסלס אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ.

— שמייסט, שמייסט, חבר סעקרעטאַר, — איך האָב עס כשר פאַר־דינט.

— וואָס טויג מיר אייער שלאָגן זיך על־חטא לאחר המעשה? מיר גייט ניט אָן, צי צווישן אייך און „איר” איז יאָ „עפּעס געווען”, צי ניט געווען... וויכטיק איז, וואָס ער דיינקט אַז געווען, און איר האָט געוואוסט אַז ער דיינקט אַז „געווען”, און דעריבער קאָן מען דעם סטרייק ניט פירן — און געווינען — אויף דער ליניע פון שכירות און שטונדן. איר פאַרשטייט צי ניין? איך וואָלט געדאַרפט רעקאָמענדירן, מ'זאָל אייך סוספּענדירן פון דער פּאַרטיי פאַר אַזאַ שטיקל אַרבעט. פאַרברייינגען דעם ענין וועל איך סייווייסיי.

ער האָט זיך פאַרהוסט, לאַנג און שווינדזיכטיק.

— באַרעכנט נאָר אײַן וואָס פאַר אַ בלאָטע מיר זענען דאָ אַריינגעקראָכן — האָט ער ווייטער גערעדט: — אויב עס זאָל זיך אפילו אײַנגעבן צוריק אַוועקשטעלן אייערע אַרבעטער אויף זייערע פּלעצער, וועלן מיר סײַווי מוזן פאַרלירן דעם הויפּטפּונקט, צוליב וועלכן דער גאַנצער סטרייק איז אַרויסגעקומען — אייער אייגענעם דזשאַב. איך פרעג אייך אַליין: נאָך אַזאַ מעשה, פאַרוואָס זאָל יענער פּאַסקודניק נ י ט שרייבן, אַז מיר רופן אַרויס סטרייקן „מירניט — דירניט” און צעשטערן אים זיינע באַסישע אידיליעם?...

חבר שוסטער איז שוין אַרומגעלאָפן אַ צעטראָגענער איבערן אָפּיס. יאָסל איז געזעסן אַ שולדיקער און אַ שווייגנדיקער.

דער סעקרעטאַר איז געקומען צוריק צום טיש:

— יעדנפאַלס מוזן מיר זען איבערלאָזן אַ פוס אין דעם דאָזיקן מאַרקעט — ניט פאַרלירן אים אינגאַנצן. וואָס פאַר אַ מענטשן זײַנען די אַרבעטער?

יאָסל האָט אים דערקלערט:



— דער עלטערער פאַרקויפער באַם מילכער איז נאָר אַ ציטווויליקער אַרבעטער: ער שטודירט טעכנאָלאָגיע. אמת, ער טרוימט וועגן אויסשטודירן און פאָרן אַרבעטן אין סאָוועטנפאַרבאַנד — ער לערנט אויף „ספּעץ”, הייסט עס... דער צווייטער איז נאָך גאָר אַ אינגל, אַן אַמעריקאַנער אינגל, פאַראינטערעסירט אין בייזבאָל. דער איינציקער איז דער איטאַליענער: ער איז אַן אַרבעטער דורך־און־דורך.

— אַך, אַטדי אינפאָרמאַציע האָב איך באַדאַרפט פון אייך אַרויסקריגן פריער, אויב איר האָט אַליין קיין שכל ניט געהאַט מיר זי צו געבן... נו, פאַרפאַלן. —

.2

אויף מאָרגן איז דער סעקרעטאַר אַליין אַראָפּגעקומען אין מאַרקעט, און כדי אָפּצוטעמפּן אַביסל די שאַרפקייטן פון דער לאַגע האָט ער געראָטן די פּיקעטירן — די צוויי דייווס — אַריינצוגיין ערגעץ כאַפּן אַ קאַווע אויף אַ שעה צייט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גרינגער פון אַלעם איז אָנגעקומען זיך צונויפצורײדן מיטן גרינסער: זיין סחורה האָט נעגבן אַסך בראַק פאַר די פּאָר טעג, אָן טאָנים געניט אויג. מיסטער גריצהענדלער האָט זיך געעקשנט, נאָר דאָס אַריינקומען פון זיין פרוי האָט געהאַט אויף אים אַ גוטע ווירקונג: ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם שווייצערקעז וואָס איז אַריין צווישן די „דזשוירזי־וועהאַיטס” ווי אַ וואָלף צווישן שעפּעלעך. חבר שוסטער האָט פון יוצא־וועגן אויך פּרובירט אַ רעד טון מיט העניך קאַץ. אין איין וועגס האָט ער פאַרגנבעט אַ בליק אויף סוזין — און אַ ווינקל פון מויל האָט זיך באַ אים אויפגעהויבן: דאָס איז געווען אַ מין שמייכל, אַזוי זיך, אויף פערזענלעכן חשבון — מיט דער יוניע האָט עס ניט געהאַט צו טון.

אינקורצן נאָך זיין אַוועקגאַנג זענען דייוו און דייווי צוריקגעקומען, נאָר אָן די פּלאַקאַטן. באַלד דערנאָך האָט זיך פון ערגעץ באַוויזן

טאַני, און נישטזאָגנדיק קיין וואָרט האָט ער זיך גענומען סאָרטירן די קעפּלעך בלומענקרויט וואָס האָבן אָנגעהויבן אַריינצופאַלן אין די טענער פון אַלטן אַלאַבאַסטער. יאָסלען האָט מען מער ניט געזען.

פאַרנאַכט האָט מיסטער גריצהענדלער גערעדט צו דייווי פאַקס:

— איך פרעג דיך אַליין: דערפאַר וואָס קאַץ האָט זיך צעקריגט מיט זיין אַרבעטער, דאַרף איך דיר צאָלן מיט צוויי דאָלער אַ וואָך מער, אה?...

ער האָט ניט געוואַרט אויף קיין ענטפער, און דייווי האָט אים ניט געגעבן. דאָס האָט מיסטער גריצהענדלער בלויז געוואונדערט זיך אויף אַ קול, וויאַזוי איז ער איינגעגאַנגען אויף אַזאַ "סעטלמענט". דער אויסגלייך איז געווען: דייוו לאַקריץ גייט צוריק אַרבעטן אויף די אַלטע באַדינגונגען; דייווי פאַקס קריגט צען דאָלער אַ וואָך, אַנשטאָט די פריערדיקע אַכט, און דער איטאַליענער צוואַנציק, אַנשטאָט אַכצן. פאַר יאָסלען, האָט דער סעקרעטאַר געזאָגט, האָט ער אַן אַנדער "דזשאָב"...

די שטימונג אין מאַרקעט איז, פונדעסטוועגן, געבליבן אַ שווערלעכע און אַן אומפריינטלעכע. צומאָרגנס אינדערפרי האָט טאַני באַגריסט רעב שאַיען: "גוד מאָרנינג, סקעב!" טאַנים ענגליש צום ריידן און רעב שאַיעס צום פאַרשטיין זענען ביידע געווען זייער מאָגער. פונדעסטוועגן האָט טאַני געוואוסט וואָס ער רעדט און רעב שאַיע — וואָס ער הערט; ער האָט געוואוסט אַז דאָס זידלוואָרט פאַר סטרייקברעכער באַטייט אויף אידיש: "פּ־פּאַרך!..." רעב שאַיע איז בלייך געוואָרן, האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, אָפּגעשוויגן און איז פאַרעקשנט און מיט גדלות אוועק צו זיין אַרבעט פון שאָבן די ליסקעס פון די פיש: ער געהער זיך ניט אָן מיט אַטרי כּאַמולעם; ער איז זיך רעב שאַיע — איז ער זיך; אַ מענטש, הייסט עס, פאַר זיך — איז ער זיך. —



.3

מיט אַ טאָג שפּעטער איז צו העניכן געקומען אַ בחור און האָט געמאָלדן, אַז אים האָט געשיקט די יוניע — די אַ מ ת ד י ק ע יוניע, יו נאָו, ניט פון־די־אָ!...

— יוניע! — האָט העניך אויסגערופן. — נ־ניין. איך דאַרף נישט קיין יוניע. איך קאָן לעבן אָן אַ יוניע...

דער בחור האָט צוגעשוויגן. העניך האָט אַרומגעשמייעט אויף יענערזייט קאָונטער. דער בחור האָט געזאָגט:

— איכ'ל אַרבעטן פאַר צוואַנציק דאָלער אַ וואָך.

בא העניכן האָט זיך איין אויער פאַרשפּיצט אַרויפצו.

— וואו האָסטו געאַרבעט פריער?

יענער האָט געאַרבעט — דאָרטן און דאָרטן.

— מירן זען. לאָז מיר דיין אַדרעס. ווי הייסטו?

— דזשאָו ראָזען.

העניך איז אונטערגעשפּרונגען:

— ווי־ווי?... ווי האָסטו געזאָגט? —

— דזשאָו ראָזען...

— גוט. טו אויס דאָס רעקל און טו אָן דעם פאַרטוך. "דזשאָו" — דאָס איז פיין!

דער בחור האָט זיך געלאָזן גיין אין אַ ווינקל נאָכן פאַרטוך. העניך קאַץ האָט אים אומגעקערט:

— וואַרט אַ ווײַלע, דזשאָו! פּייפן קאָנסטו?

דזשאָו האָט אים אָנגעקוקט אַ געפּלעפּטער.

— איך קאָן אַביסל... וואָס אי'דען?...

איז דאָ אין קראָם — האָט אים העניך געלערנט — זאָלסטו נ י ט פּייפן. בײַ מיר — פּייפט מען ניט!... —

## ו. מ אַ נ ק י ־ ב י ז נ ע ס

.1

אין אָנהויב זענען געווען אַלערליי מענטשן, דערנאָך איז געקומען דזשייק. דזשייק האָט געבוירן "סידנין", סידני האָט געבוירן יאָס־לען, דערנאָך איז ווידער — פון דער גרויער פאַרגאַנגענהייט — אַרויסגעקומען דזשייק.

— האַלאָ, סוזי! — האָט דזשייק געזאָגט.

— האַלאָ, דזשייק! — האָט סוזי שטיל געענטפערט. — וואָס מאַכט איר, דזשייק?... —

.2

מיט הונדערט יאָר צוריק, ווען ניו־יאָרק איז געווען די גרויס ווי באַר־דיטשעוו, איז די געגנט געווען אַ ווילדערניש. אין דער ווילדערניש איז געשטאַנען אַ הילצערן שטיבל, און אין שטיבל איז געזעסן אַ שיכורער מענטש און האָט מיט בלאַנדזשענדיקע אויגן געזונגען




דאָס ליד פון שווערנעמיט — "די ראָב" — און "וועגן דער שיינער אַנאַבעל לי". איצט האָט ניו־יאָרק אַרויסגעפּלייצט פון יענע ברעגן ווייט אַריבער און אַריבער דער אַמאָליקער ווילדערניש, דאָס שטיבל, צוזאַמען מיט עטלעכע אַלטע און נייע ביימער, איז אַרומגעצאַמט אויף אַ בלאָק אַרום, און דאָס איז דער "פּאָו־פּאַרק". איצט זיצן דאָ ווײַבער, אידישע ווײַבער פון אַלערליי באַרדיטשעוון, מיט זייערע קינדער און שעפּן פרישע לופט, וואָס אָן איר קאָן מען ניט אויס־קומען — אַזוי זאָגן דאָקטוירים. און אין פּאָו־פּאַרק האָט זיך סוזי אָנגעטראָפן מיט איר אַמאָליקן שיר־ניט געוואָרענעם חתן דזשייק בערעזע.

דזשייק האָט שווייגנדיק געקוקט אויפן וועגעלע וואו מינדעלע איז געשלאָפן. זיין שטערן האָט זיך געקנייטשט און אויסגעגלייכט, זיך אויסגעגלייכט און געקנייטשט, און די לינקע באַק אונטער דער אויסגעקראָכענער ברעם האָט געצוקט אַביסל. דזשייק האָט זיך גע־ענדערט, עלטער געוואָרן — נו, געוויס — נאָר סוזי האָט געשפּירט עפּעס נאָך אַנדערשקייטן: ער האָט, למשל, פאַרלוירן זיין טעמפּע סאָלידקייט און מיושבדיקייט, זיינען באַוועגונגען זענען געוואָרן שאַר־פער און דאָס פּנים ברוינער, ווי אָפּגעברענט פון דער זון. די אויגן האָבן געקוקט רויטלעך, ווי ניטאויסגעשלאָפן.

ער האָט צום סוף אַוועקגעריסן זיין בליק פונם קינד און באַטראַכט די מוטער מיט כונה.

— האָט איר כאָטש גוט אָנגעטראָפן, סוזי?

— נ־ניט שלעכט...

זי האָט אים אין עטלעכע ווערטער איבערגעגעבן וועגן זיך: איר מאַן, איר הויז, איר קינד, דעם מאַנס ביזנעס.

— און וואָס איז מיט אייך, דזשייק? איר אַרבעט נאָך אַלץ אין שאַפּ?

— איך? — האָט דזשייק געזאָגט. — עס קלינגט מיר אין אַ אויער...

ער האָט עפּעס אַ מאָדנעם מאַך געטון מיט אַ האַנט פאַרביי אַן אויער.

— איך... — האָט ער נאָכאמאָל געזאָגט. — איך סטרייק.

סוזי האָט זיך פאַרקרימט, מיט אַ נערוועזן צוק. זי האָט געחאַט אַ האַס אפילו צום וואָרט.

— פון סטרייקן — האָט זי טרוקן געזאָגט — קאָן מען קיין לעבן ניט מאַכן.

— מאַכט מען טאַקע נים. מ אַ כ ט מ ע ן ט אַ ק ע נ י ט! טאָמער האָט מען געמאַכט אַ שטיקל לעבן, האָט עס זיי פאַרדראָסן.

— ועמען "זיי"?

— זיי, די "לינקע". אַריינגעכאַפּט זיך אַ פּאָר לינקע צו אונדז אין שאַפּ, האָבן זיי אויפגעבורעט דעם גאַנצן שאַפּ.

ווידער די לינקע. דאָ אויך די לינקע. עפּעס אַן אָנשיקעניש אויף אַלעמענס קעפּ.

— איז וואָס ווילן זיי? פאַרוואָס סטרייקט מען?

— קעגן שטיקאַרבעט. עס געפעלט זיי ניט שטיקאַרבעט. דאַכט זיך, אדרבה: אַז איר אַרבעט שנעלער און מער — מ אַ כ ט איר מער. ניין, טענהן זיי, פון שטיקאַרבעט קומט אַרויס אַ טובה דעם באָס, ניט די אַרבעטער, וואָס אַרט אייך, זאָג איך, אַז דער באָס מאַכט און איר מאַכט אויך? איז רעד צו דער וואַנט. נו, איז מען אַרויס אין סטרייק — אָט אַזוי אַליין, פון זיך, הייסט עס, ווייל די



יוניע האָט דעם סטרייק פאַרבאָטן. איז אונטערגעשפּרונגען די לינקע יוניע און פירט דעם סטרייק. און זי... פירט טאַקע. וואָס אמת איז אמת, זי שלאָגט זיך פאַר אונדז ביזן בלוט — און בינו לבינו איז דער שאַפּ אַריבער צו דער לינקער יוניע, און די רעכטע סטראַשען צו שיקן אַנדערע אַרבעטער — סקעבס, הייסט עס! אָטאַזוי שלאָגן זיך די פּאָליטישענס צווישן זיך, און דו פּעכנע איבער זיי פון הונגער. אַז ברעכן זאָלן זיי די קעפּ אַלע צוזאַמען!

— און פון ביזנעס טראַכט איר שוין גאָרניט? — האָט סוזי גע־פרעגט.

— ביזנעס? און אַז איך זאָל שוין האָבן אַ קענדי־סטאָרקע, וועט די באַנק ניט קאָנען בא מיר צונעמען מיין געלט מיט דער סטאָרקע צוזאַמען?! —

סוזי האָט אים אָנגעקוקט צעטומלט: וואָס מיינט ער דערמיט?... האַלט מען געלט — אין אַן אַנדער באַנק!... דזשייק האָט ניט באַוויליקט קלאָר צו מאַכן זיין געדאַנקענגאַנג — אפשר האָט ער ניט געקאָנט. אָנשטאָט דעם האָט ער געזאָגט:

— און צו טון ביזנעס דאַרף מען האָבן געלט — כאָטש ע פּ ע ס געלט — און איך האָב גאָרניט. מ'אַרבעט קוים זעקס חדשים אין יאָר, און ווי דו זאָלסט זיך ניט אַרויסזעצן די נשמה אַרבעטנדיק, מאַכסטו ניט אויף אַ גאַנץ יאָר לעבן... אפילו ניט בא שטיקאַרבעט... דאָס הייסט — אפשר זענען זיי טאַקע גערעכט... מ'כאַפּט אָפּ די אַרבעט אין צוויי קורצע סעזאָנען און נאָכדעם קוקעט מען. און פון סעזאָן צו סעזאָן שניידט מען די פּרייזן...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. סוזי האָט אויך ניט געפונען וואָס צו זאָגן: דער גאַנצער ענין איז איר עפּעס יאָ פאַרגעקומען קענטלעך, פון די יאָרן ווען זי האָט אַליין געאַרבעט אין שאַפּ, אָבער — פרעמד־לעך.

— זיי — האָט דזשייק פּלוצים אויסגעשאָסן מיט כעס — די לינקע, הייסט עס, זענען די אמתע שונאים פונם ארבעטערקלאַס!...

— פון... וועמען?... — האָט סוזי איבערגעפרעגט.

דזשייק האָט געשוויגן. דאָס האָט ער צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געברויכט דאָס וואָרט. די צונג זיינע האָט זיך געלייגט שווער אויף דעם דאָזיקן וואָרט. ק־קלאַס... ארבעטער - קלאַס־ם!... קלאַס־ס־ם!... א מאָדנע וואָרט. פונם וואָרט "פּראָלעטאַריאַט" האָט ער אינגאַנצן געוויכט, ווי פון א שטיין אונטערן וואסער — ער האָט עס גאָר אפילו אויסריידן ניט געקאָנט — און האָט מיט אומצופרידנקייט צוגעזען ווי דאָס וואָרט קומט אויף עפּטער און עפּטער. אַלץ די לינקע, א מהומה אויף זיי!... —

.3

דזשייק האָט באַגלייט סוזין אהיים, און זי האָט אים פארבעטן ארויפקומען א קוק טון ווי זי וואוינט. זי האָט אוועקגעשטעלט דאָס וועגעלע אין א ווינקל פון הויזהאָל, און ער האָט פאר איר ארויפגעטראָגן דאָס קינד אויף די פיר טרעפּ.

— מ־מ־ם!... — האָט דזשייק געמאכט, באַקוקנדיק די וואוינונג. — ניטשלעכט. באַ א ו נ ד ז — האָט ער אזוי אומבאשטימט א מאַך געטון מיט דער האנט דאַון־טאַון — וואוינט מען ניט אזוי... באַ אונדז איז עס אביסעלע אנדערש. —

פון זיין טאָן איז סוזי געקומען אין פארלעגנהייט. זי איז ניט געווען זיכער, אז דאָס באַרימען זיך גייט איר איין.

— איך וועל אָנקאָרמענען דאָס קינד — האָט זי געזאָגט — און וועל עס לייגן שלאָפן.



אז זי איז צוריקגעקומען אין וואוינצימער, איז שוין צוגעטראָטן די נאכט, און דורך א פענצטער האָט אריינגעקוקט די עלעקטרישע גאַסנלאָמפּ פון ראָג. דאָס ליכט האָט קרום געשניטן א ווינקל פון צימער און האָט געטאַנצט אביסל, ווייל די לאָמפּ דרויסן האָט זיך באַוועגט אינם ווינט. דזשייק איז געשטאַנען אינם באַלויכטענעם טייל און האָט זי באַגעגנט מיט עפּעס א מאָדנעם אויסדרוק אויפן פּנים. סוזי האָט געוואָלט אָנצינדן פייער.

— סוזי, — האָט דזשייק געזאָגט, — וויאזוי זענט איר עס געוואָרן אזוי שיין, סוזי? —

ער האָט זי אָנגענומען פאר א האנט.

— פּליז, דזשייק... — האָט סוזי געזאָגט. סוזין איז שוין ניטאיינמאָל אויסגעקומען צו באַמערקן, ווי דיזעלבע געפילן וואָס מאכן אָפּט שיינע מענער אויסצוזען לעכערלעך און מיאוס האָבן די פארקערטע ווירקונג אויף מיאוסע און נישטאָנזיכטיקע. דזשייק האָט ווי אראָפּגעוואָרפן זיין וואָכעדיק פּנים, זיין שטערן האָט זיך געקנייטשט שטריינג, נאָר אָן בייזקייט, און זיינע אויגן האָבן נאָכאנאנד געביטן א פארנעפּלטן הויך אויף א פיבערדיקן גלי — און צוריק.

— דזשייק, פּליז... — האָט סוזי געזאָגט שוואכער. דאָס ליכט פון דרויסן האָט געציטער־ציטערט איבער א קרומען ווינקל פון צימער און די גומיפלאַנץ האָט זיך געריסן פון פעסל און געוואָלט צוגיין צו זיי. און דאָסמאָל האָט סוזי געהאַט מיט דזשייקן "מאָנקיביזנעס". עס איז געווען א להכעיס העניכן. עס איז געווען א להכעיס יאָסלען. עס איז אויך געווען א געמיש פון ווייבערשער נייגעריקייט און פון מאַמעשן רחמנות צו דזשייקן, וועלכער האָט רויטע אויגן און וואָס עס קלינגט אים אין אַן אויער. דאָס באַלויכטענע שרעגע ווינקל האָט בהלה'דיק־שטום געלעבט אין דער גרינלעך בלאַסער שיין. — דערנאָך האָט זי אים געגעבן א גוט טעפּל קאַווע מיט טאָסט און אים ארויסבאַגלייט צו דער טיר: "גייט געזונטערהייד, דזשייק. און — האָט זי צוגעגעבן פריינטלעך, נאָר פעסט — קומט נישט מער". —

# אַלטער עסעלין

## פון אַפגרונט

אינטימער און שטרייגער קאָלעגע,
איך ענטפער דיר איצט אויף דיין בריוו,
כאָטש מיר איז ניט גרינג אין דער רגע
צו גריבלען, ווי דו, אין דער טיף.

פרעגסט: וואָס דאַרף מען איצטער לידער
ווען ספער זינגט דורך קופּערנעם דראָט?
צי טוט מיר דאָס האַרץ ניט אַ ציטער
ביים בלייענעם בליק פון ראָבאָט?

צווייטנס — וואו נעמט מען אַ דיכטונג
פאַר דעם פאַרמאַטערטן שטיר?
און אַז דיר איז דערווידער מיין ריכטונג,
דער פינצטערער טרויער אין מיר.

פון ריכטונגען וועל איך ניט ריידן.
איין ריכטונג פאַר מיר — און איך גלויב:
זי ציט זיך פון זיידן נאָך זיידן
און טונקלט ווי דימענט דורך שטויב.

איך בין דיינע טענות מקצר —
סיי־ווי איז נאָר וויכטיק דער תוך.
זיי ווייסן, קאָלעגע, דו שאַצער,
איך גלייך זיך צום שטיר־אַקס און יאָך.

קנעכט און דיכטער — איך בין עס,
זינט איך געדיינק זיך, געווען;
מיר גייט ניט אין פּאָזעס און מינעס,
אין צאַצקען זיך מיט דער פּען.



ווער עס האָט דיכטונג דערפונדן,
דער האָט דערפונדן — גאָט.
נאָר דיכטונג היילט ניט די וואונדן
אויף לייב פון דעם מענטש־ראָבאָט.

זי טוט נאָר אַן עקבער אין האַרצן
בײַ דעם וואָס איז גרינג אויף אַ טרער. —
איך געדיינק נאָך די לידער פון נאַדסאָן.
איך ווייס — מע זינגט זיי ניט מער...

פּאָעטן קאָנען ניט היילן,
טרייסטן קאָנען זיי יאָ;
נאָר קיין טרייסט, די לידער דערציילן,
איז פאַר דעם טרייסטער ניטאָ.

אויך איך האָב מיט לידער געפיבערט,
געציטערט ווי אַספּען אין ווינט,
און — מיזעריע, כאָטש זי דערנידערט,
זינגט זי דאָך טיף, ווי פריער גינט.

גלויב, עס איז ניט איבערטריבן
ווען איך זאָג (כאָטש איך וואָלט ניט געטאָרט)
אַז איך האָב לידער געשריבן
אָפטמאָל אין אומריינעם אָרט.

ניט מיין אַז איך שפּיל דעם וואולגאַרן
און פּראָווע וואוליונגעריי,
אָטדי מיאוסע שרייב־געפאַרן
בין איך לאַנג שוין פאַרביי.

איך פלעג מיך אין "ביידל" פאַרשליסן
מיט בליישטיפט אין קויטיקע הענט —
דער שווייס האָט די אויגן געביסן,
די פינגער — פון פערזן געברענט.

באם דיך איז דער האמער געהאנגען
מיט טשוועקעס אין פארטוך פארשטעקט.
אז מיך האט די "מוזע געפאנגען"
ווען איך האב גאר ברעטער געזעגט!

און אמאל אויף א דאך אויף א פלאכן,
באם נעגלען די שינדלען אין "וועלי*)...
אך, ניט געווען ווער זאל לאכן:
זעט: — אויפן דאך זיצט א שעלי.

א שעלי, (כ'האב אונטערגעשטראכן,
אנטשולדיק פאר דער מעטאפאר),
וואס טראגט זיינע טאפעלע יאכן
אויף א בריק וואס איז דין ווי א האר.

די יאכן ווערן אלץ ליבער,
נאר עס הוידעט די האר-דינע בריק. —
איז אדער מע גייט זי אריבער,
אדער מע ברעכט דעם געניק.

נאר ס'איז דא אזא פרייד אין דעם וואגן
פאר דעם וואס איז נאך ניט געניט;
עס בארעכטיקט אפילו זיגזאגן,
נאר וואקלען בארעכטיק איך ניט.

זאל זיין אז דער תהום איז נאך טיפער
ווי עס מעסט אים דאס אויג פון א פחדן, —
נו וויל איך, ווי לארעליים שיפער,
די אויגן אין שיינקייט פארמאכן;

*) "וועלי" — א דאדרינגווע.





איין אויגנבליק פליענדיק שטראלן,
ווי א צעשמעטערטער שטערן;
זאל פאטום אנטשיידן מיין פאלן,
ווי גראוול דורך גאלדענע רערן.

נאר איך — פון אייזן מיין ווילן,
געלייטערט פון פראצע און נויט.
ניטא אזא קראפט וואס זאל שטילן
מיין בלוט ביז דעם טאג פון מיין טויט.

איך אן, ווי זעלטענע אנען,
פון זאכן דעם פיינערן זין;
איך שטאם איך וויים שוין פון וואנען,
כ'געהער — איך וויים שוין וואוהין.

פארגיב וואס איך רייד אזוי זיכער,
קאן זיין, דיך שאקירט אטדער שטריך;
איך הייל ניט מיין צווייפל מיט ביכער,
איך הייל אים מיט גלויבן אין זיך.

ניט שיין וואס איך ברייננג אויף די ליפן,
איך פארשוועך דאך דעם כבוד פון ווארט.
נאר ווער — איך האב לידער געשריבן
אונטער שלאס פון אן אומריינעם ארט.

נאר ריין איז מיין ליד און מיין נאמען,
מיין גורל — איך זאג זיך ניט אפ —
איז צו טראגן מיין הארץ ווי סאלאמע
טראגט יוחננס בלוטיקן קאפ.

אין טרויער, אין פרייד — נאר אין גלויבן,
און ווער עס האט אויגן — זעט:

עס האָט זיך פון נידער דערהויבן
אַ קנעכט, אַ קנעכט אַ פּאָעט.
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
כ׳בין איבערגעפילט נאָך מיט סטראָפן,
נאָר אין פענצטער גרויט שוין דער מאָנטאָג.
איך האָב די נאַכט ניט געשלאָפן
און מיד בין איך ווי נאָך אַ יאָנטעוו.

איך ענדיק מיין בריוו צו דיר, חבר.
פאַרגיב מיר פאַר רייד אין אַזאַרט.
עס שמעקט איצט מיט יונג־טאָג און קלאָווער,
און אַ שווערער טאָג אַרבעט וואַרט.
—

מילוואַקי

## ז. וויינפער

# אין אַ פרעמד הויז

אין אַ פרעמד הויז איז אַלץ דיר פרעמדלעך,
טאָ נעם און פיל דאָס אַן מיט אייגן האָב און גוטס, —
מאַמע פלעגט פאַרלאַטן מיינע אַלטע העמדלעך,
זאָגנדיק דערביי: — אַן אַלטס קומט אויך צונוץ.

נאַכט אין דרויסן. עס שמעקט מיט ציבעלעס און שוואָמען.
ווינט וואַרפט עפל פון אַ בוים צו דר׳ערד אַראָפּ. —
— פרעמדער, פרעמדער, ביזט דאָ נישט ווילקאָמען,
קיין געקעכץ פאַר דיר נישטאָ אין אונדזער טאָפּ.

אָט זע איך גאָר פאַר זיך דעם פעטער עליע, —
ער פלעגט זאָגן: "באַ אַן עקרה ווײנט דער שוים"
און אויך, אַז "ווייניק איז די פויק, כאָטש די קאַפּעליע,
קומט זעלטן, זעלטן אַן איר אויס".



מיין פעטער עליע... שטענדיק פלעגט ער נאָר זיך ווערטלען,
כאָטש קיין ברויט איז נישט געווען אין שטוב.
מומע עטיע פלעגט אים מיט די אויגן צערטלען,
זאָגן, אַז אַזוי וועט ער שוין בלייבן ביזן גרוב.

מאָדנע, ווי איך טראַכט איצט פון זיי ביידן
און דער עיקר טראַכט איך טאַקע נאָר פון אים, —
אין פרעמדן הויז הערסטו פלוצלונג קולות ריידן,
דאָס פאַרגאַנגענע — אַ טייך אַ נאָענטער, כאָטש נעם און שווים.

קלויסטער־גלעקער קלינגען, קולות פרעפּלען: אמן, אמן.
דאַרע פינגער רייסן לאָרבער־בלעטער פון אַ ביימל אָפּ.
יעזוס קריסטוס — רויטע שנירלעך בלוט צעשטראָמען
אונטער דערנער־קרענצל וואָס איז אויף זיין קאָפּ.

אַ באַבאָרדטער גלח אין אַ שוואַרצער דעליע
קוקט אויף מיר און שטרעקט די הענט נישט אויס.
פלוצלונג גאָר, פון העלער הויט, דער פעטער עליע
פראַלט די טיר פאַנאַנדער און קומט אַריין אין הויז.

שמייכלט פריילעך אין זיין קליינעם, געלן בערדל,
טוט אַ שפּיי און אַ וואונק דערנאָכדעם מיט זיין ברעם:
דאָ נישט ווייט באַ איצקע־טריצקע שפּאַנט אַ פערדל,
זאָגט מען, אַז משיח, זאָל געזונט זיין, רייט אויף דעם.

וועט ער מערצישעם זיך דאָ באַווייזן, וועט ער
זיינע הענט זיך טון דאָ אַ צעפּיר. —
אָט אַזוי דערציילט מיר איצט מיין פעטער,
וויקלענדיק טוטון אין אַ שטיקעלע פּאַפּיר.

— יעזוס — וועט ער זאָגן — זע וואָס אַט דער גלח
האָט פאַר אַט דער לאַנגער צייט מיט דיר געטון.
— יעזוס — וועט ער זאָגן — צווישן אונדז איז אַ מהלך,
און רויטע פלעקן בלוט האָבן גאַרנישט אויפגעטון.

אין פרעמדן הויז רעדט צו דיר דאָס מעבל
מערער ווי עס רעדט באַ דיר אין אייגן הויז, —
רשעים סמאַליעט מען אין פעך און שוועבל,
צדיקים עסן טויבן ווי די גענדז די גרויס.

פעטער עליע מישט אַ בלעטל אויף פון סדרה בשלח,
קלינגט זיין קול ווי אין אַ שבתדיקן מלבוש אָנגעטון:
יתרו... משה... סנה אין פלאַמען... אוי, מאַמע מיינע, גוטער מלאך,
מיד בין איך די שיך פון זיך שוין אויסצוטון.

משה איז אַ גענעראַל, יהושע — זיין פעדלפעבל;
מאַמע רחל וויגט נאָך אַלץ דאָס פאָלק ישראל אין איר שויס;
יעזוס קלינגט אַ גלאָק, מחמד — מיט שפּיז און זעבל,
נאָר קאַרל מאַרקס צוזאָגט זיי אַלעמען די קעפּלעך אויס.

ווי זשע קומט קאַרל מאַרקס אַהער? — וועגן אים מיין פעטער
האָט ניט דערמאָנט אין זיינע רייד צו מיר —
נו יאָ, ער האָט געזאָגט, אַז משיח וועט זיך נאָר באַווייזן, וועט ער
זיינע הענט זיך טון דאָ אַ צעפּיר.

נאַכט אין דרויסן. לאַנגע זענען די מינוטן
אין פרעמדן הויז, באַ יענעם אויפן בעט.
מאָרגן פרי וועט דעם קאַשמאַר צום גוטן
אויסטייטשן פאַר זיך שוין דער פּאָעט.



מ. טקאַטש

## מיינע ברידער

מיינע ברידער ברומען אין מלחמה —
און אַ שטילע וואָרקעט מיין נשמה.

זייט מיר מוחל, קריגערישע ברידער,
מיינע שטילע וואָרקענדיקע לידער.

זייט מיר מוחל מיינע הענט די ריינע,
מיינע הענט וואָס בענטשן אַלדאָס שיינע.

אַלדאָס מיאוסע האָב איך געלייטערט.
האָב איך, ברידער, זיך פון אייך דערווייטערט?

ניט דערווייטערט האָט זיך אייער ברודער —
איר האָט מיך פאַרלאָזן אין גערודער.

ווי אַ מוטער, גיי איך נאָך פון הינטן,
נאָר איר זעט מיך ניט אין שטויב פון ווינטן.

ביז איר וועט זיך אומקערן, ווי קינדער,
וועל איך נאָכגיין — אַ פאַרשעמטער זינדער.

אויב איך קאָן ניט אייער שונא שעלטן,
וועל איך בענטשן אייערע געצעלטן.

אויב איך קאָן ניט אין מלחמה ברומען,
וועל איך האָפן אייער זיג זאָל קומען,

וועל איך וואַרטן מיט די שטילע לידער
אויף די פרייע, די געשטילטע ברידער.

## טריאַלעטן

### לערער

דער טויט וועט לערנען מיך צו לעבן,
דאָס לעבן וועט מיך לערנען שטאַרבן
און גאָט — צו שלימות אייביק שטרעבן.
דער טויט וועט לערנען מיך צו לעבן,
די ליבע — גאָט זיך איבערגעבן
אין וואַקסן, בליען און אין דאַרבן.
דער טויט וועט לערנען מיך צו לעבן,
דאָס לעבן — לערנען מיך צו שטאַרבן.

### נאָך האָט זיך גאָט...

נאָך האָט זיך גאָט אינגאַנצן ניט געפונען,
ער זוכט אין זיין באַשאַף אַ תיקון
און גראָבט אין מענטשן פאַר זיין דאָרשט אַ ברונען.
נאָך האָט זיך גאָט אינגאַנצן ניט געפונען,
נאָך וועלן מענטשן שטראַלן, ווי די זונען,
מיט בלויזע אויגן גאָט דערבליקן.
נאָך האָט זיך גאָט אינגאַנצן ניט געפונען,
ער זוכט אין זיין באַשאַף אַ תיקון.

## א. טאַבאַטשניק

## וואַן־גאָג־בילדער

### אַ נאַכט־קאַפּיי

אַ נאַכט־קאַפּיי. פאַרשוועכטע טישן, שפּינלען גלאָמפּן.
אַנטקעגן זיי משוגע קייכן געלע לאָמפּן,
די קאַלבעם פּלאַצן פון צופיל ליכט. דאָס ליכט
שפּריצט אַפּ די ווענט, דעם דיל, דעם גרינעם טיש.



דער טיש איז — שיכור, טאַנצט, די שווערע פיס זיך בויגן
אַ ווייסער קעלנער קוקט מיט ברוינע טראָפּן אויגן:
די זאַכן וואַכן, טרינקען ליכט און לאַכן —
און ער איז מיד און ניכטער, דורכגעגרויט פון רויך
פון אויסגעהוילטן מוח.

אין ווינקלען רוט די נאַכט, איינגעהילט אין שאָטנס.
אַן האָפענונג שיכורים שלאָפן —
זיי האָבן פיינט דעם טאָג, פאַרשיכורן די נאַכט.
דאָס געלע ליכט אין לאָמפּן קאָטשעט זיך און לאַכט.

### אַ צעאַקערט פעלד אין זונפאַרגאַנג

אַ געלע זון, אַ באַרג אין פיאָלעט, אַ צעאַקערט פעלד מיט פאַרבן —
אַהינצו איז וואַן־גאָג געגאַנגען שטאַרבן,
ווי אין אַ חלום. ער איז נאָך דאָרט ניטאָ, דאָס פעלד איז נאָך אַליין,
נאָר בוימער דריי ווי פידלען שווייגן פול געוויין.

די זון פאַרגייט, די פאַרבן ווערן שטילער, דרימלען איין —
און לעשן זיך ווי קוילן, רויט און ראָז און פיאָלעט.
דאָס פעלד איז איצט אַ ציכטיק אויסגעבעטע בעט
פון פאַרבן.
דאָס פעלד איז גרייט און וואַרט — וואַן־גאָג זאָל קומען שטאַרבן.

אַן אַלט הויז, ווי אַן אָפּגעהאַקטער שאַרבן.
ווי געהירן גלימערן
די שטיקלעך אויסגעקנייטשטע פאַרב, די צימערן —
ווי געלע היילן.

ער רייסט זיך צו דער פרוי אין רויטן ליכט:
די פרוי וועט עפענען דאָס מויל און וועט דערציילן —
פאַרוואָס אַזויפיל ווײַמוט גרינט אויף איר געזיכט,
און וואָס זי זעט —
אין יענעם ווייטן פיאַלעט!

דער טרויער ציט נאָך מערער אײַן איר מויל,
די אויגן קוקן ווייטער נאָך אַוועק.
און אויפן טיש אין וואַזע די רויטע רויזן קראַכן,
עס רינט די פאַרב, די דאַרע שטענגלעך קאָרטשען זיך אין לאַכן.

עס טוט די בריל אַ ציטער אין איר האַנט,
און ווי אַ פויגל צעשרייט זיך אויף איר קאָפּ דער געלער
פליענדיקער באַנד.



ק. לאָקס

# דער רעאַליסטישער ראָמאַן און זיין פּראָבלעם

**(פון רוסיש)**

.1

אַ ליטעראַטור־טעאָריע וואַקסט געוויינלעך אויס אויפן באַזיס פון אַ זשאַנר וואָס האָט זיך דייטלעך אויסגעפאָרמירט. אמת, רעאַליזם קאָן מען קוים אָנרופן אַ טעאָריע אינם שטרייננגען זינען פון וואָרט; און דאָך האָט ער זיין אָפּשטאַמונג צו פאַרדאַנקען איינגאַנצן צו אַ מעכטיקן זשאַנר וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט אין פאַרלויף פון עטלעכע הונדערט יאָר.

ווען עס איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעזאָגט געוואָרן דאָס וואָרט "רעאַליזם" (אין די פופציקער פון נײַנצנטן יאָרהונדערט), האָט מען דערזען, אַז דער ראָמאַן איז שוין פון פריער גענוג רעאַליסטיש און קאָן בעסער פון יעדער אַנדער פאָרם אַנטקעגנקומען די פאָדערונגען פון דער נייער ריכטונג. דאָס וואָרט איז דאָ, ווי אַלעמאָל, געפונען געוואָרן נאָך דעם ווי די געשיכטע האָט עס צוגעגרייט. ז אָ ל אַ האָט מיט רעכט געשריבן: "דער רעאַליזם איז, אָן ספק, אַלט ווי די וועלט, נאָר אין יעדער ליטעראַרישער עפּאָכע איז ער אַן אַנדערער. מיר פאַרצייכענען, אַז די ערשטע טעאָרעטיקער פון "רעאַליזם" האָבן קיין שום נייעס ניט אויסגעטראַכט און האָבן בלויז פאָרטגעזעצט די באַוועגונג פון אַכצנטן יאָרהונדערט". און ווירקלעך, דער רעאַליסטישער ראָמאַן האָט אויסגעאַרבעט זיינע זשאַנר־סימנים אינם לויף פון צוויי הונדערט יאָר. דער זיבעצנטער יאָרהונדערט האָט באַשאַפן דעם ראָמאַן פון אַוואַנטורעם און גלייכצייטיק דעם ראָמאַן פון געפילן און לײַדנשאַפטן. אָנגעהויבן מיט ר י ט ש־אַ ר ד ס אָ נ ע ן, פּ ר עוו אָ און ל אַ ק ל אָ און געענדיקט

מיט ק אָ נ ס ט אַ נ ע ן, ס ט ע נ ד אַ ל ן און ל ע ר מ אָ נ־
ט אָ ו ו ן, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ קאָמפּליצירטע און רעלי־
קאַטע אַרבעט פון שטודירן דאָס לעבן פון דער פּערזענלעכקייט.
עס איז באַשאַפן געוואָרן דער פּסיכאָלאָגישער ראָמאַן וואָס האָט
דערגרייכט אַן אויסערגעוויינלעכע פּאַרשפּיצטקייט און דינקייט אין
דעם אַנאַליז פון געפילן. דערפון נעמט זיך די אייגנאַרטיקע קאָנ־
סטרוקציע פונם סוזשעט וואָס צייכנט זיך ווי אַ קרייז, מיטן פער־
זענלעכן שיקזאַל פונם העלד אין צענטר. די סביבה און די עפּאָכע
האָט מען געזוכט צו באַנעמען דורך די אינערלעכע געזעצן פון דער
פּערזענלעכקייט. די פּערזענלעכקייט, הייסט עס, נעמט־אויף די
סביבה אין די שמאָלע גרעניצן פון אירע עמאָציעס און ווילנס־אימ־
פּולסן. אין יענע פאַלן וואו עס שניידן זיך איבער די ביידע ליניעס,
פונם העלד און פון דעם לעבן — טרעט ער אָפּ דעם וועג, און דאָס
לעבן ווערט באַפרייט פאַר דער קונסט. אָבער פאַר באַלזאַקן ווערט
שוין די פאַרהעלטעניש צווישן דעם העלד און דער סביבה אַ קוואַל
פון טראַגישע סוזשעטן. באַלזאַק דערפילט פאָרויס דעם סוף פון
"אילוזיעס" און שטעלט די פּראָבלעם פונם אַרבעטלאָזן אינדיווי־
דואַליסט. דער העלד גייט נאָך דערוויילע צום פאַנטאַסטישן פּראָצענט־
ניק, צו פּאַפּאַ גאָבסעק, און קוקט אַרויס אויף גליקלעכע צופאַלן,
נאָר אינגיכן וועט די באַנק פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון גאָבסעקן, און
די באַציאונגען מיטן "לעבן" וועלן ווערן נאָך פאַרפּלאָנטערטער און
קאָמפּליצירטער, און די נויט זיי קלאָר צו מאַכן וועט ווערן נאָך
גרעסער. אין אָטדעם פּעריאָד פון איבערבראָך באַשליסט אַ גרופּע
יונגע מיטלמעסיקע טאַלאַנטן, אַז מ'דאַרף שטודירן "אַלץ" און ניט
גרינגשעצן די הינטערהויפן פונם דאָזיין. זיי זענען קעגן "ראָמאַנ־
טיזם", זיי ווילן דעם "אמת" — ניטאָ מער קיין פּלאַץ פאַר "איל־
זיעס". אָט וויאַזוי עס רעדט איינער פון די פאַרשווינען פונם ראָמאַן
" ש אַ ר ל ד ע מ אַ ל י ", פון די ברידער ג אָ נ ק ו ר:
"איך דיינק, אַז דאָס אַלטע ראָמאַנטישע לאַגן האָט זיך געענדיקט:
דער עולם איז איבערזאַט מיט דער געצוקערטער פּראָזעאָלאָגיע;
איך האַלט, אַז די ליבהאָבער פון שיינע ווערטלעך און די אויס־
טראַכטער פון עפּיטעטן האָבן פאַרדאָרבן די נאַציע ביזן מאַרך פון



די ביינער; איך האַלט, אַז אמתן און נאָר אמתן, הוילע, נאַקעטע,
אומבאַפּוצטע — אָטדאָס איז קונסט".

### 2.

נאָך אַ קורצן פּעריאָד פון צעשטורמטער יוגנטלעכער פאַנטאַזיע,
האָט פלאָבער באַנומען די גראַנדיעזקייט פון דער פילאָזאָפישער
טעאָריע פון דעטערמיניזם. די צייט (אין פראַנקרייך) איז געווען
גוט צוגעפּאַסט דערצו: אין בעסטן פאַל האָט מען געקאָנט בלויז
זיך פאַרנעמען מיט טרוימערייען. אין די דעמלטדיקע בריוו פונם
קומענדיקן מחבר פון "מאַדאַם באָוואַרי" הערן זיך געשרייען פון
פאַרצווייפלונג. פון דאַנען איז אַרויסגעוואַקסן דער ראָמאַן מיטן
פראַנצויזיש איראָנישן נאָמען: "Education Sentimentale" — "דער־
ציאונג פון די געפילן". אין דעם ראָמאַן האָט פלאָבער געזוכט צו
לייזן אַן אינטערעסאַנטע אידייאַ־ישע און קאָמפּאָזיציאָנעלע אויפ־
גאַבע: דורכצופירן אַ יונגנמאַן דורך דער ביטערער לעבנסדער־
פאַרונג אין די באַדינגונגען פון געמיינלעכער, וואָכעדיקער עקזיס־
טענץ. דער מאַטעריאַל איז פאַרטיילט אין איינקלאַנג מיטן ציל.
איינצלנע שטייגער־בילדער זענען פאַרבונדן מיטן געפילסלעבן פונם
העלד, און דאָס לעבן זיינס גופא ענדערט זיך די גאַנצע צייט לויט
די נייע דערפאַרונגען. מיר האָבן דאָ פאַר זיך טעמאַטישע פילפאַכ־
קייט. קיין העלד אין דעם אייגנטלעכן זינען פון וואָרט איז דאָ גאָר
ניטאָ — פאַראַן בלויז אַ פּאַסיווער פאַרשוין וואָס "דאָס לעבן"
באַאַרבעט אים און ברענגט אים סוף כל סוף צום באַוואוסטזיין פון
דורכפאַל, מיט אַ נאָכשפּיל פון לירישע דערינערונגען. אַזאַ לייזונג
האָט דעם אויטאָר ניט צופרידנגעשטעלט. דער מאַטעריאַל האָט זיך
אַרויסגעוויזן צו זיין ניטגענוג קאָנצענטרירט, אין דער צייט וואָס ער
האָט געזוכט צו ווייזן דעם פּאַטאָס אין זיין ריכטיקער געשטאַלט —
דעם פּאַטאָס פון לעבן, די אומפאַרמיידלעכע געזעצמעסיקייט פון
שיקזאַל. " מ אַ ד אַ ם ב אָ ו ו אַ ר י " איז עס די לייזונג
פון אָטדער צווייטער אויפגאַבע. די פּראָבלעם איז געלייזט געוואָרן
אינם סטיל פון אומבאַדינגלעכן אויספיר, וואו קיין שום ספקות קאָ־
נען נישט דערלאָזט ווערן. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס דאַווקע „מאַ־

דאָס באָווערי" איז בא פ ל אָ ב ע ר ן געווען פאַרבונדן מיט די פיינלעכסטע זכרונות אויפן געביט פון פאָרם. די אומבאַדינגלעכקייט האָט געפאָדערט אַן אַנדער באַהערשונג פונם מאַטעריאַל און אַ באַזונדערע קאָמפּאָזיציע: קודם כל, אָביעקטיווקייט; דער מאַטעריאַל דאַרף ריידן פאַר זיך אַליין, ער איז אומבאַשטרייטבאַר. און די טעמע ווערט פאַנאַנדערגעוויקלט ווי אַ שילדערונג פון קאָנסעקווענטער און געזעצמעסיקער ווירקונג פון דער סביבה אויף ע מ מ אַ ב אָ ו ו אַ ר י. די געמיינלעכקייט ווערט פאַרגעזעצמעסיקט אין אַ ריי פּרעכטיקע פאַרענדיקטע באַשרייבונגען. די אַבסאָלוטע פּינקטלעכקייט פון די דעטאַלן פירט שוין אַליין צו פילאָזאָפישע שלוסן. דערין טאַקע איז באַשטאַנען דער נייער מעטאָד פון ווייזן די פאַרהעלטעניש צווישן דער פּערזענלעכקייט און דער סביבה. אָנשטאָט דער כאַאָטישער שפעדיקייט פון באַלזאַקן און דער איבערגעשפּיצטער קאָמפּליצירטקייט פון סטענדאַלן — אַ ריי פּאַראַלעלע ליניעס. דער ראָמאַן, איבערגעזעצט אויף דער שפּראַך פון לאָגיק, קאָן אויסהאַלטן אַ פאַרגלייך מיט ספּינאָזאַס "עטיק".

די שרייבער וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר פ ל אָ ב ע ר ס תלמידים האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען אין וואָס ס'איז באַשטאַנען דער סעקרעט פון זיין פאָרם. דער סעקרעט איז געווען זייער אַ פּשוטער און גלייכצייטיק זייער אַ שווערער. זאָלאַ האָט אים אויפגעדעקט — מסתמא ניט אָן אַ געפיל פון רעספּעקטפולער איפערזוכט: "גוסטאַוו פלאָבער איז אַ ראָמאַניסט וואָס האָט ביזאַהער גענוצט שילדערונג מיטן גרעסטן געפיל פון מאָס. "סביבה" געפינט זיך בא אים אין קלינסטן גלייכגעוויכט: ער דערטרינקט ניט די פּערזענלעכקייט און כמעט שטענדיק באַגרעניצט ער זיך מיט דעפינירן זי געזעצמעסיק. געגוי דערין ליגט די אומגעהייערע קראַפט פון "מאַדאַם באָוואַרי" און פון "דערציאונג פון די געפילן"... איך ראָט אַלעמען זיך צו לערנען בא אים באַשרייבונג, שילדערונג פון דער סביבה, אויף וויפל דאָס איז נויטיק כדי צו פאַרקיילעכדיקן די פּערזאָן אָדער זי קלאָר צו מאַכן". אין דערזעלבער צייט, נימנעקוקט דערויף וואָס ער האָט אַזוי גוט פאַרשטאַנען די באַזונדערקייטן פון



דעם נייעם רעאַליסטישן ראָמאַן, איז זאָלאַ אַליין דורכגעפאַלן אויף דעם פּונקט. זיינע טעותן זענען אינטערעסאַנט און באַלערנדיק.

3.

זאָלאַ האָט זיך ניט באַגנוגט מיט לערנען זיך פון פלאָבערס קינסטלערישן מעטאָד — ער האָט געשטרעבט צו ציען ווייטער די פילאָזאָפיע פון דעטערמיניזם. דערצו האָט מען געדאַרפט מאַכן בלויז נאָך אַ טראָט און דערקלערן, אַז דער ראָמאַן נויטיקט זיך אין אַ וויסנשאַפטלעכער קאָנצעפּציע. זאָלאַ האָט אויפגעבויט די גאַנצע סעריע פון זיינע "ר ו ג אָ ן - מ אַ ק אַ ר ן" אויפן פונדאַמענט פון דער ירושה-לערע פון זיין צייט. צוגלייך מיט זיין אייגענעם העלד דאָקטאָר פּאַסקאַל, האָט ער נאָכאַנאַנד געזאַמלט "דאָקומענטן" איבער פאַרשיידענע פראַגן אין פאַרבינדונג מיט זיינע טעמעס. מ'האָט זיי געדאַרפט באַגרינדן, און דערביי האָט די "סביבה" (אין ברייטן זינען) פאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ. טעכניש האָט סביבה געמיינט "ב אַ ש ר י י ב ו נ ג", דער סאָרט באַשרייבונג וואָס איז מסוגל יעדע מינוט צו פאַרפירן דאָס דערציילן אָן אַ זייט, שיטער מאַכן דעם סוזשעט, "דערטרינקען" דעם פּערסאָנאַזש אין אומפּערזענלעכן מאַטעריאַל. זאָלאַ האָט די אַלע געפאַרן פאָרויסגעזען, און דאָך קאָן ער זיי ניט אויסמיידן, ווייל זיין ראָמאַן בויט זיך אויף אַ ריי באַשרייבונגען, ווייל באַשרייבונג איז פאַר אים דער ליטעראַרישער עקוויוואַלענט פון זיינע וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס. "מיר באַהויפּטן, — זאָגט ער, — אַז דער מענטש קאָן ניט אָפּגעטיילט ווערן פון זיין סביבה, אַז ער ווערט צוזאַמענגעשטעלט ("קאָמפּלעקטירט") פון זיינע קליידער, זיין הויז, זיין שטאָט, זיין געגנט, און אַז דעריבער קאָנען מיר ניט אָנווייזן קיין איינציקע דערשיינונג אין זיין אינטעלעקטועלן אָדער עמאָציאָנעלן לעבן וואָס מיר זאָלן ניט געפינען פאַר איר אורזאַכן אָדער פּאַראַלעלן אין זיין סביבה. דערפון נעמט זיך דאָס וואָס מ'רופט אונדזערע אייביקע באַשרייבונגען". זאָלאַ האָט זייער גוט פאַרשטאַנען אַז באַשרייבונגען באַשאַפן נאָך ניט קיין ראָמאַן, דעריבער רייסט ער זיך אין זיינע סו-

זשעטן צו שאַרפע סיטואַציעס וואָס געבן שטענדיק דעם איינדרוק פון צוגעטראַכטקייט. אַזאַ רעזולטאַט איז אומפאַרמיידלעך. נאָך מער, זאָלאַ האָט סוף כּל סוף איינגעזען, אַז איינצלהייטן און דעטאַלן, אָנגעציילעוועט איינע אויף דער אַנדערער, זענען קיינמאָל ניט די דערקענטעניש גופא, נאָר זענען אין בעסטן פאַל אַ צוגרייטונג צו איר. רעאַל איז דער אימאַזש, רעאַל איז די פאַראַלגעמיינערונג — אין אָטדי מאָמענטן ליגט עס דער דערקענטעניש־ווערט פון דער קונסט. דעריבער האָט ער געשטרעבט צו גענעראַליזירנדיקע סימבאָלן — נ אַ נ אַ, למשל, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ סימבאָל פון דער שטאַרבנדיקער אימפעריע פון לואי־נאַפּאָלעאָן. אין דער אונטערשטער שורה זענען זיינע ראָמאַנען אַ מעכאַנישע פאַראייניקונג פון פאַרשיידענע פּרינציפּן וואָס ער האָט זיי געהאַלטן פאַר די ווירקזאַמסטע. זיין גרונט־טעות איז געווען וואָס ער האָט ניט באַוויזן צו פאַראייניקן זיי גענוג אָרגאַניש. ד ער אויסגאַנגס־פּונקט איז געווען אַ ניטריכטיקער: עמפּיריזם איז כּלל נישט דאָסזעלבע וואָס רעאַליזם.

די איינזייטיקייט פונם רעאַליסטישן מעטאָד ווי ביי פלאָבערן אַזוי ביי זאָלאַן איז דער אומפאַרמיידלעכער אַרויסקום פון זייער קלאַסן־באַגרעניצטקייט. אויף גאַנץ אַנדערע פּרינציפּיעלע, פילאָזאָפישע גרונדלאַגן איז באַזירט דער מעטאָד פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור — דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם.

## י. זאָלאָט
## צווישן שרייבער

.1

ק. לאָקסעס אַרטיקל, אין איצטיקן נומער "סטודיאָ", איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די טעאָרעטישע פּראָבלעמען מיט וועלכע עס ראַנגלט זיך די ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד.



וואָס ער זאָגט וועגן עמיל זאָלאַ איז ריכטיק, הגם ניטניי. אין קורצן קאָן עס הייסן: זאָלאַ האָט פּלאַנירט זיינע ראָמאַנען ניט לויט אַ קינסטלערישן מוסטער, נאָר ווי אַ ריי אילוסטראַציעס צו אַ וויסנשאַפטלעכער טעאָריע; ער האָט דעריבער דערטרונקען זיינע פאַרשוינען אין אַ ים פון באַשרייבונגען פון סביבה און אָפּשטאַם, בעת "רעאַל איז בלויז דער אימאַזש, רעאַל איז די פאַראַלגעמיינערונג, און עמפּיריזם איז ניט רעאַליזם". — אָבער וועגן פלאָבערן איז לאָקס מודה, אַז אין "מאַדאַם באָוואַרי" האָט יענער פולשטענדיק געלייזט זיין פּראָבלעם קינסטלעריש, ד. ה., געשאַפן אַן אימאַזש (מ'קאָן, אגב, "דערטרינקען" אַ העלד אין דעטאַלן וועגן אים גופא). וויבאַלד אַזוי, פאַרוואָס זשע וואַרפט ער פלאָבערן מיט זאָלאַן אין איין טאָפּ פון דער "איינזייטיקייט פונם רעאַליסטישן מעטאָד", וואָס שטאַמט פון זייער "קלאַסנבאַגרעניצטקייט"?

דער קוועטש זעט אויס צו ליגן אין דער פילאָזאָפישער טעאָריע פון דעטערמיניזם וואָס שטייט הינטערן רעאַליזם אין דער ליטעראַטור: עקזיסטענץ איז אַ קייט פון אורזאַך און פאָלגע, אַן אומענדלעכע קייט פון נויטווענדיקייטן פון וועלכער עס איז ניטאָ קיין שום אויסוועג. אַלץ איז ווי עס איז און ווי עס מוז זיין און איז פאָרויסבאַשטימט משׁשת ימי בראשית און עד סוף כּל הדורות. דאָס הייסט: אַ ל אָ ג י ש ־ ק אָ נ ס ע ק וו ע נ ט ע ר  ד ע ט ע ר מ י נ י ז ם  א י ז,  א י י ג נ ט ל ע ך,  פּ ר ע ד ע ט ע ר מ י נ י ז ם.

אַ ליטעראַטור וואָס אָטעמט מיט רעוואָלוציע און פּלאַנירטער סאָציאַלער ענדערונג קאָן, נאַטירלעך, אַזאַ פילאָזאָפיע ניט אָננעמען: עס מוז ערגעץ בלייבן אַ מעגלעכקייט פאַרן מענטשן דורכצופירן זיין ווילן. פון דער אַנדערער זייט, איז די מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפיע גופא אויך דעטערמיניסטיש. אום צו קאָנען עפּעס פּלאַנירן, דאַרף מען קאָנען פאָרויסזען, ד. ה., עס איז נויטיק, אַז אין דער וועלט זאָל הערשן געזעצמעסיקייט. אויב אָבער די געזעצמעסיקייט ה ע ר ש ט טאָטאַלע אומעטום אין צייט און רוים — איז זי פּרעדעטערמיניזם, און יעדע פּלאַנירונג איז נוצלאָז.

איך זאָל ניט מורא האָבן פאַר לייטן, וואָלט איך געזאָגט, אַז מיר דאַכט אַז י ע ד ע פילאָזאָפישע סיסטעם, י ע ד ע ר פאַרזוך צו באַגרייפן דעם "אַלץ" ווי אַן "איינס", פירט אונדז אַריין אין אַזעלכע שוועריקייטן, וואָס איך זע ניט וויאַזוי מ'קאָן פון זיי אַרויסקריכן "מיט ערע און פראָפיט".

אין אונדזער פריוואַטן פאַל, ד. ה. אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור, פּרובירן זיי צו לייזן די דילעמע מיט דער הילף פון "סאָציאַליסטישן רעאַליזם" אונטערגעשלאָגן מיט "רעוואָלוציאָנערן ראָמאַנטיזם". רעאַליזם און ראָמאַנטיזם הויזן ניט גוט איינער מיטן אַנדערן, נאָר דאָס וועט שוין די דיאַלעקטיק, זאָל לעבן, מוזן באַזאָרגן. —

.2

דער היינטיקער ראָמאַן האָט נאָך אַנדערע דאגות, אויסער די ריין־פילאָזאָפישע. למשל:

די סאָציאַלע שטעלונג פונם שרייבער, וואָס איז אָפט פאַרהוילן אפילו פון אים אַליין, ווערט איצט מיט געוואַלט אַרויסגעשלעפּט אויף דער זון. דער ראָמאַן פון פּסיכאָלאָגישע גריבלענישן רופט אַרויס אומגעדולד און לאַנגווייל. דער נייער, דינאַמישער, כמעט עקספּלאָזיווער לעבנסמאַטעריאַל פאַרלאַנגט אַנדערע מיטלען פון אויסדרוק, אַן אַנדער באַהאַנדלונג. אַלץ צו וואָס איינציקע שרייבער האָבן זיך דערוויייל דערטראַכט איז — די "דריי־בינע" און קינאָ־מעטאָדן. דאָס־פּאַסאָס, צום ביישפּיל, מ'קאָן זיך מיט די דאָזיקע מעטאָדן ט י י ל ו ו י י ז באַנוצן, אָבער בויען אַזוי אַ גרעסער ווערק — נעמט אייך אַראָפּ אַ מוסר פון זיינע ראָמאַנען (עס אַרבעט בעסער אין טעאַטער). שאָלאָכאָוו, אַ מענטש וואָס איז רייך אין מאַטעריאַל, שפּרינגט אַרום אין זיין "דער שטילער דאָן" הין און צוריק פון אָרט צו אָרט, פון מענטשן צו מענטשן, מאַכט אָן אַ סומאַטאָכע און רייסט־איבער אַלע ווײַלע דעם לייענערס שטימונג און צעפּיצלט זיין אינטערעס: ער איז, אַפּנים, גאָר ניט חושד, אַז אַ ראָמאַן דאַרף האָבן אַ בויפּלאַן, אַז




אַ וו ע ר ק ווירקט מיט זיין גאַנצקייט. און אַז אים איז געלונגען, אין אונדזערע ניכטערע צייטן, צו שאַפן אַן אמתדיק טראַגישן העלד, האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו טון מיט אים; און בכלל האָט ער צוליבן מאַנגל אין פּלאַן איבערגעלאָזן אַ סך לויזע פעדים.

נאָך אַנדערע שוועריקייטן וואַקסן אַרויס דערפון וואָס דאָס לעבן איז אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון שטעטל אין דער גרויסער שטאָט אַריין. בערגעלסאָנען איז גרינג געווען צו אָרגאַניזירן זיין "פּענעק" אַרום דעם "הויז", ווייל דאָס "הויז" איז ווירקלעך געווען דער צענטער פונם לעבן אין שטעטל; איצט, אין „באַם דניעפּר", וועט ער מוזן באַנוצן אַן אַנדער קאָנסטרוקציע.

מיר קומען דאָ צום כמעט פּאַראַדאָקסאַלן שלוס, אַז גראָד אין אונדזערע קאָכיקע צייטן מוז געפונען ווערן צום ראָמאַן אַזאַ צוגאַנג וואָס זאָל זיין אי דינאַמיש, אי גלייכצייטיק פאָרמאַליסטיש. —

## ראָמען ראָלאַן

# אַ בריוו צו אַן אַמעריקאַנער אינזשעניר

### אין פאַרטיידיקונג פון סאָוועטנפאַרבאַנד

### (צוגעשיקט ספּעציעל פאַר „סטודיאָ")

פעברואַר, 1935.

איר באַהויפּטעט, אַז איר האָט ליב דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, אַז איר האָט זיך געפרייט מיט זיין אַנטשטייאונג, אַז איר האָט געלייגט גרויסע האָפנונגען אויף דער רוסישער רעוואָלוציע, אויף אירע ערשטע טריט.

דערלויבט מיר אייך צו זאָגן, אַז אייער ליבע צו אים איז זייער אַ שוואַכע, אויב איר האָט געקאָנט, נאָך עטלעכע יאָר לעבן אין סאָוורבאַנד, אינגאַנצן פאַרזען די ריזיקע דערגרייכונגען פון אַ פאַרעקשנטן העראָאיזם קעגן אַ באַרג פון אומגעהערטע שטערונגען. די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג, וואָס האָט געקראָגן בירושה חורבן און דעזאָרגאַניזאַציע פון דער פאַרגאַנגענהייט (דעם צאַריזם מיט זיין קאַטאַסטראָפאַלער מלחמה), שוין ניט רײדנדיק פון אַ וועלט מיט שונאים (מ׳קאָן זאָגן — אַ וועלט פון ל ו י ט ע ר שונאים) — האָט באַוויזן צוריקצושטויסן אַלע אינוואַזיעס, צו צעשמעטערן אַלע אויפשטאַנדן און צונויפצעמענטירן אַ פאַרבאַנד פון נאַציאָנאַלע רעפּובליקן, מיט אַ מעכטיקן אויפשוואונג פון נאַציאָנאַלן לעבן וואָס איז אין די מערסטע פון זיי אונטערן צאַריזם געווען כמעט פולשטענדיק דערשטיקט. די דאָזיקע רעגירונג האָט אָנגעפירט אַ ביטערן קאַמף קעגן די אַלע צרות און שלעק וואָס האָבן געפּלאָגט דאָס לאַנד און די פעלקער פון רוסלאַנד: קעגן דעם גרויסן הונגער און דער רעזולטירנדיקער מכה פון די פאַרוואָרלאָזטע קינדער; קעגן דער פאַרוויסטונג פון די פעלדער און פאַר דער ווידערבאַלעבונג פון אָטרי ריזיקע לענדערייען; קעגן דעם אַנאַלפאַבעטיזם, אַבערגלויבן און אומוויסנהייט פון מיליאָנען מענטשלעכע באַשעפענישן; פאַר יענע קאָלאָסאַלע פּלענער פון אינדוסטריעלער און עקאָנאָמישער רעקאָנסטרוקציע וואָס די סאָוומאַכט האָט אָנגעהויבן און וואָס אַלע אַנדערע לענדער פון דער וועלט פּרובירן איצט נאָכצומאַכן; פאַר אַ גראַנדיעזער אַרבעט אויפן געביט פון בילדונגסאַנשטאַלטן, ביכערפאַרלאַגן און אויסגאַבן, וואָס זייער אַנטוויקלונג האָב איך נאָכגעפאָלגט מיט דער הילף פון גאָרקין, און וואָס באַפרידיקן און סטימולירן גלייכצייטיק דעם דאָרשט פון מיליאָנען און מיליאָנען לייענער. —

אָט פאַר די אַלע אויפטועז, וואָס איך האָב דאָ אין איילעניש אָנגעוויזן בלויז אויף זייערע הויפשטריכן, האָט איר, אין אייער אָפּשאַצונג פון סאָוועטנפאַרבאַנד, קיין איינציק וואָרט ניט צו זאָגן. איר האָט אויגן אויסשליסלעך פאַר עטלעכע אָנגריפן אויף דער פרייהייט דעם אמת געזאָגט, קומט מיר פאָר, אַז אייך פעלט לחלוטין אָדער די נויטיקע אָביעקטיוויטעט, אָדער דער פאַרשטאַנד פאַר היסטאָרישע באַדינגונגען און פאַקטן.

קודם כל, האָט די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע זיך קיינמאָל ניט געפּוצט אין די פעדערן פון ליבעראַליזם, און עס האָט קיין שום זינען ניט צו מאָנען ביי איר דאָס וואָס ניטנאָר האָט זי קיינמאָל ניט צוגעזאָגט, נאָר צו וואָס זי האָט זיך אויסדריקלעך געשטעלט אין אָפּאָזיציע פון סאַמע אָנהויב, נעמלעך — קעגן דעם גאַנצן אָנשטעל פונם מאַכטלאָזן און טעותדיקן פּסעוודאָ־ליבעראַליזם וואָס פאַרפירט די מערבדיקע וועלט; קעגן דער קלאָמערשטדיקער טאָלעראַנץ, וואָס איז אין דער ווירקלעכקייט ניטמער ווי אַ מיטל אין די הענט פון די מאַכטהאָבנדיקע, די רייכע און די כיטרע — אויף צו רעגירן די דעמאָקראַטיעס. די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור האָט זיך פון סאַמע אָנהויב דערקלערט פאַר אַ דיקטאַטור — ווי אין אַנטיקן רוים, אין קריטישע מאָמענטן פון זיין געשיכטע — פאַר אַ קלאַסנדיקטאַטור, אַ צ י י ט וו י י ל י ק ע ר, נאָר אַן אַבסאָלוטער, אינם נאָמען פונם פּראָלעטאַריאַט, מיטן צוועק אויסצוקעמפן און איינצופירן אַ נייעם רעזשים וואָס וועט, ערשט נאָך דער צוריקשטעלונג פון סאָציאַלן פרידן, זיין אַ רעזשים פון פרייהייט אונטער די נייע געזעצן פון אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט.

איר באַהויפּטעט, אַז קיין מלחמה־געפאַר איז מער ניטאָ, אַז דאָס איז בלויז אַן אויסרייד. איך האַלט, אַז דאָס איז אַ באַהויפּטונג פון אַ זייער לייכטזיניקן און זייער אומוויסנדיקן מענטשן. איך געפין זיך אין דער נאָענטער שכנות פון ד ע ר פ אָ ל י ט י ש ע ר און ד ע ר ד י פּ ל אָ מ אַ ט י ש ע ר ג ע ש י כ ט ע פ אַ ר ד י ל ע צ ט ע פ ו פ צ ן י אָ ר. איך ווייס אויף זיכער, אַז דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט קיינמאָל, אויף קיין איינציקער מינוט, ניט אויפגעהערט באַדראָעט צו ווערן פון קאָאַליציעס, פון קאָנספּיראַציעס, און אַז די געפאַר איז באַדייטנדיק גרעסער געוואָרן זינט דעם אויפשטייג פון היטלערן און זיינע מאַניאַקעס (ראָזענבערג און קאָמפּ.) אין

דייטשלאַנד. דער פאַרבאַנד פון די סאָציאַליסטישע סאָוועטישע רעפובליקן איז אַרומגערינגלט פון אַ פייער־רינג פון פאַשיזמען, ראַסיזמען און אימפּעריאַליזמען, פון אַרמייען און מאַכינאַציעס — אַ רינג וואָס ציט זיך פון סער דעטערדינגען ביז וואָנסיאַטסקין, דעם רוסישן ווייסגוואַרדייער וואָס איז פאַרהייראַט צו אַן אַמעריקאַנער מולטימיליאָנערשע און וועלכער שטיצט מיט זיין ווייבס געלט יאַפּאַניע קעגן זיין אייגענעם לאַנד — פון דעם ענגליש־נידערלאַנדישן קאַפּיטאַל ביז צום קאַפּיטאַל פון אַמעריקע און ביז צום גענעראַלשטאַב פון יאַפּאָניע, דורך בערלין, וואַרשע און ריגע. אויב ליטווינאָווס געשייטע דיפּלאָמאַטיע האָט באַוויזן צו פאַראינטערעסירן פראַנקרייך און די קליינע אַנטאַנט אין דער פאַרטיידיקונג פון סאָוועטנפאַרבאַנד — האָט אָבער אָטדער באַדינגטער בונד — מיט נייציקע אינטערעסן, מיט אַזעלכע צווייפּנימדיקע רעגירונגען ווי אונדזערע, וואָס האַלטן אַלעמאָל די נעזער צום ווינט — קיין שום האַפּט ניט; און די וואַכזאַמקייט פון דער סאָוועטנרעגירונג טאָר ניט אָפּגעשוואַכט ווערן אויף קיין איינציקער מינוט. די זיכערהייט פון איר מאַכט איז דער הויפּט־באַדינג פון דער זיכערקייט פון דער וועלט.

איר זענט דערשטוינט איבער דער שטרייַנגקייט וואָס אָטדי מאַכט האָט אַרויסגעוויזן נאָך דער דערמאָרדונג פון איינעם פון אירע ענערגישסטע, פּאָפּולערסטע מיטגלידער קעגן אַ מאה אַרעסטאַנטן, וואָס איר דערקלערט זיי, אָן שום חקירה ודרישה, פאַר "אומשולדיק" — און דאָ טאַקע צייגט זיך אַרויס, אויף אַ שרייענדיקן אופן, אייער פיינטלעכע שטעלונג צו דער סטאַלינשער רעגירונג. וואָס ווייסט איר וועגן זייער אומשולד? איר האָט געלייענט די באַשולדיקונגסאַקטן און די קאָנפעסיעס, פאַרעפנטלעכט אין דער סאָוועטישער פּרעסע. איר האָט ניט, זאָגט איר, קיין מיטלען פון קאָנטראָל איבער די אַקטן און קאָנפעסיעס — איר האָט אָבער אויך קיין שום רעכט ניט זיי אָפּצולייקענען. פאַרקערט, קיין זאַך זעט ניט אויס מער וואַרשיינלעך ווי די עקזיסטענץ פון אַזאַ פאַרשווערונג, וואָס איר דורכפירונג דורך יונגע אומבאַרעכנטע היצקעפּ האָט מעגלעך אַריבערגעשטיגן די אומקלאָרע פּלענער פון די צעטומלטע פאַרשווינען וואָס האָבן זיי



געגעבן געבורט. וואָס איז שייך פאַרשווערונגען מצד די ווייסע עמיגראַנטן, דאַרפט איר בלויז לייענען זייער פּרעסע וועט איר שוין ניט צווייפלען אין זייער עקזיסטענץ.

איך האָב קיין שום גוסט ניט פאַר אויסנאַמסגעריכטן מיט זייערע כאַפּ־לאַפּ אַרעסטן און איך באַדויער וואָס דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט זיך מיט זיי באַנוצט. ווי אַן אמתער פריינט פון סאָוובאַנד, באַדויער איך עס אי צוליב דער גערעכטיקייט אין אַלגעמיין, וועלכע פאָדערט אַן עפנטלעכן משפּט און אַ רעגולערע פּראָצעדור — אי צוליב דעם שלעכטן איינדרוק וואָס דאָס האָט געמאַכט אויף דער עפנטלעכער מיינונג פון דער וועלט. איך האָב אָבער גענוג גרונד צו צווייפלען אין דער אויפריכטיקייט, צום גרעסטן טייל, פון אַן עפנטלעכער מיינונג וואָס ווייזט אַרויס אַזאַ גלייכגילטיקייט צו די שווידערלעכע רעפּרעסיעס פון דער רעאַקציאָנערער שפּאַנישער רעגירונג, אָדער צום רעזשים פון לעגאַליזירטן פאַרברעכן וואָס הערשט אין די פאַשיסטישע מדינות פון אייראָפּע — פון אַן עפנטלעכער מיינונג וואָס האָט זיך ניט געשעמט אויפצונעמען, אין מערב, ווי אַ פיינעם גאַסט אַן אָפיציעלן פאַרשטייער פון די וואָס האָבן אויסגעשלאַכטעט די ווינער אַרבעטער — דעם קאַנצלער שושניג. מ׳דאַרף צוגעבן, אַז די נעמלעכע "מיינונג" האָט זיך לחלוטין ניט געקימערט וועגן דעם דערמאָרדעטן קיראָוון, נאָר נעמט זיך שטאַרק צום האַרצן דעם שיקזאַל פון זיינע מערדער.

ניט פאַרטיידיקנדיק די אויסנאַמסמעטאָדן, ווייס איך אָבער זייער גוט פון דער געשיכטע, אַז דאָס איז כמעט אַ פאַטאַל־אומפאַרמיידלעכער מעכאַניזם וואָס זיינע ציין שפּרינגען־אויף אויטאָמאַטיש, אין פאַרלויף פון רעוואָלוציעס, אין מאָמענטן פון גרויסער געפאַר.

איך בין ניטבלויז דער מחבר, ווי איר דערמאָנט עס, פון "העכער פונם געשלעג", וואָס איז געווען בלויז אַ מאָמענט פון מיין לעבן, און וואָס איר האָט אויסגעקליבן זיך דערויף אָפּצושטעלן — מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער. איך האָב אָנגעשריבן אויך "ד י פּ אַ ר־

*כישופטע נשמה*", וואו אין די לעצטע בענדער ווערן אויפסניי געשילדערט די מאָראַלישע ספקות פון די פרייהייטלעכע אינטעליגענטן אין אָנגעזיכט פון די טראַגישע סאָציאַלע נויטיקייטן פון אונדזערע טעג. איך רעקאָמענדיר אייך נאָך דורכצולייענען דעם חשבון הנפש וואָס איך האָב פאַרעפנטלעכט אין דעם זשורנאַל "*איירָאַפּע*" אַלס אַן אַריינפיר צו אַ באַנד אַרטיקלען אונטערן נאָמען: "*פּופּצן יאָר קאַמף*".

נאָך עפּעס: איך בין אויך דער אויטאָר פונם בוך: "דער טעאַטער פון דער רעוואָלוציע" — אַ ווערק וואָס האָט מיך געמאַכט צו לעבן אין מאָראַלישער אינטימקייט מיט די מענטשן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. איינער פון מיינע עלטער־זיידעס איז דאָן געווען פאַרמישט אין אַ פּראָצעס אויף דער קלאַגע, אַז ער איז אַן „אַפּאָסטאָל פון דער פרייהייט". איך האָב געזען פון דער נאָענט, איך האָב *אַליין געאָטעמט* מיט די לײַדנשאַפטן פון יענע צײַטן, מיט די ברידערקאַמפן צווישן די זשיראָנדיסטן, דאַנטאָניסטן, ראָבעספּיערליסטן, אַלע צוגלייך רעפּובליקאַנער, נאָר ניטאַלע גלייך פאַראוים־ און העל־זעעריש. און ווי דער גרעסטער צווישן זיי אַלעמען האָט זיך מיר אַנטפּלעקט ראָבעספּיער — וועלכער איז פונדעסטוועגן געווען געצוואונגען צו באַנוצן זיך מיט טעראָר, כדי צו פאַרטיידיקן די סאָציאַלע אויפגאַבע וואָס ער האָט אויף זיך גענומען. ווי ווייס מעסיקער האָט די סאָוועטישע רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך אָנגעשטויסן אויף פיל גרעסערע שוועריקייטן, זיך אַרויסגעוויזן אין פאַרגלייך מיט יענער צייט!

סאָציאַלע האַנדלונגען דאַרף מען באַטראַכטן ניט פון דער בלויער הויך פון אַבסטראַקטע און באַקוועמע אידייען, נאָר פונם סאַמע האַרץ פון דער האַנדלונג גופא. און דאָס, דיינקס איך, האָט איר פאַרפעלט איינצוזען.



# לאַמעד שין

## וועגן עסעי

.1

ש. ניגער, ריידנדיק אין פּאַריקן נומער וועגן דער שוועריקייט צו דעפינירן דעם עסעי, ווייל האָבן אַז עס איז פאַראַן אַ באַזונדערער "עסעאיסטישער מענטש", וואָס דאָס קאָן מיינען אַן עסעאיסטיש געמיט. ביסלעכווייז ווערט פון דעם געמיט — געמיטלעכקייט, און דער עסעי ווערט סוף כל סוף יאָ דעפינירט ווי אַ *שרייבן אָן אַ תכלית*. אָבער דערמאָנענדיק י. ל. פּרצן זאָגט ער, אַז "עס האָט אים געפעלט די קונסט, די גראַציע מיט וועלכער דער עסעאיסט *פאַרשלייערט זיין ציל, כאָטש ער האָט אים און וויל אים דערגרייכן*". הייסט עס שוין, ווידער, אַז אויך דער עסעאיסט שרייבט נישט־אָן־אַ־תכלית. אויך זע איך ניט איין, פאַרוואָס "די קונסט און די גראַציע" מוזן דינען דעם שרייבער דאַווקע צו פאַרשלייערן זיין ציל און ניט צו אַנטפּלעקן אים?

אין ערשטן נומער "סטודיאָ" האָב איך געזאָגט, אַז דער עסעי געפינט זיך אויף דער גרעניץ צווישן זשורנאַליזם און ליטעראַטור. איך האָב זיך שלעכט אויסגעדריקט, און ניגער איז גערעכט ווען ער זאָגט, אַז דער עסעי געפינט זיך *אינעווייניק* אין דער ליטעראַטור, און איך וואָלט צוגעגעבן: אין דער "שיינער" ליטעראַטור — אויפן שיידוועג צווישן אַלערליי ליטעראַרישע פאָרמען. נאָר נאָכדעם ווי ער האָט אונטערגעשטעלט אונטערן עסעי אַזאַ ברייטע באַזע, האָט ער, אָן שום נויט, פאַרשמעלערט זיין פעלד דורך צוגעבן: "און פריער ווי אַלץ צווישן דעם ציטערדיקן חן פון ליריזם און דער געלאַסנקייט פון עפּיק" — וואָס דאָס איז ווידער טאַקע די "געמיטלעכקייט". אַזאַ רעזולטאַט באַקומט זיך בײַ אים ניטגעקוקט דערויף וואָס ער אַליין זוכט דעם עסעי "נישט אַרומצושערן, נאָר אַרומצוצאַמען".

דער אמת איז, אז זינט מאָנטענ׳ס צייט האָט דער כאַראַקטער פונם עסעי זיך זייער שטאַרק געענדערט. אין יענע יאָרן ווען דער שרייבער האָט זיך געהאַלטן ווייט פון לעבן האָט דער עסעי ליב געהאַט זיך צו שפּינען אַרום "גרויסע" אַלגעמיינקייטן: "שיינקייט", "אמת", "יושר", א. ד. ג. פאַר אַזעלכע טעמעס איז געמיטלעכקייט און מעדיטאַציע דער פּאַסיקער צוגאַנג. אָבער נעענטער צו אונדזערע טעג — ווערן די אינטערעסן פונם שרייבער אויסגעברייטערט און גלייכציטיק קאָנקרעטיזירט. געמיטלעכקייט געפינט אַלץ ווייניקער אַפּליקאַציע צו אונדזערע טעמעס. אפילו אַזאַ יאָ־און־ניין־מענטש ווי א. קאָראַלניק, ווען עס קומט אים אויס צו שרייבן וועגן דעם משפּט איבער די "פּראָטאָקאָלן פון ציון", פאַרלירט ער די געמיטלעכקייט, און צווישן זיין יאָ און זיין ניין פליען פונקען. הייסט עס דען, אז דעם עסעי "ווי אַזעלכן" איז געוואָרן איינג אויף דער וועלט? ניין. עס הייסט בלויז, אז עס האָט זיך געענדערט דאָס געמיט פון דער וועלט; און אַ לעבעדיקע ליטעראַרישע פאָרם וועט זיין יענע, וואָס קאָן אָפּשפּיגלען ניט סתם געמיטלעכקייט, נאָר דאָס געמיט פון דער סביבה — אין צייט און אָרט.

.2

אַ ביישפּיל, און דאַווקע אַן אַלטער:

מיט יאָרן צוריק פאַלט מיר אַריין אין די הענט אַ בראָשורע אויף ענגליש, מיט אַ רעדע וואָס איינער האָט געהאַלטן אין בריטישן לאָרדנהויז. עס איז גלייך נאָך די אומרועז אין ענגלאַנד בא דער איינפירונג פון מאַשינען אין די אינדוסטריעס, אָנהויב פאָריקן יאָרהונדערט. מאַסן אַרבעטער זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויף דער גאַס. די אַרבעטער סטרייקן און ברעכן די מאַשינען. די אומרועז ווערן אונטערדריקט מיט גוואַלט, און די בורזשואַזיע פירט־איין אַ טעראָר — אַ רייע בלוטיקע געריכטן וואָס נעמען נקמה פון די אַרבעטער.



מיין רעדנער רעדט ק ע ג ן די געריכטן, קעגן דער גאַנצער שטימונג פון נקמה און טעראָר. מיין רעדנער איז אַליין אַ לאָרד, נאָר זיין נאָמען שווימט מיר פאַרביי, ווייל איך קאָן אים ניט אַסאָציאירן מיט דעם נאָמען וואָס איז מיר אַזוי וואויל באַקאַנט.

לייען איך.

דער טאָן איז איינגעהאַלטן, אָנשטענדיק, לאָרדיש. איראָניע, סאַרקאַזם, סאַרדאָנישקייט. פאַר די לאָרדן איז עס ניטמער ווי די סאַלאָנישע "רעפּאַרטי" — וויציקער, פעפערדיקער, סאַלאָנגעשפּרעך. זיי לאַכן און איבעררופן זיך וועגן דעם, אז דער רעדנער זאָל זיך בעסער פאַרנעמען מיט שרייבן פּאָעזיע איידער מיט פּאָליטיק. אָבער איך, דער לייענער, ווער אויפגערעגט דורך דעם וואונדערלעכן, קרעפּטיקע געבורויך פון דער שפּראַך, דורכן רעזערווירטן נאָר געשפּאַנטן טאָן און, דער עיקר, דורכן פאַרבאָרגענעם, אינווייניקסטן ריטם פון דער פּראָזע, וואָס ברעכט אויס צום סוף אין צוויי שורות וואָס זענען שוין דייטלעך סקאַנדירט ווי אַ ליד, און זיי רופן זיך אין מיר אָפּ ווי דער וויברירנדיקער בום פון אַ גאָנג. אויב — זאָגט ער — איר וועט וועלן באַשטראָפן די אַרבעטער, וועט איר זיך נויטיקן אין —

Twelve Butchers for a Jury

And a Jeffries for a Judge...

(אַן אָנדייט אויף דער אָפּרעכענונג מיט די אויפשטענדלער נאָך דעם מאָנמאַוטה־רעוואָלט אין ענגלאַנד. דער ריכטער דזשעפריעס איז געווען די בלוטיקע האַנט וואָס האָט דורכגעפירט דעם ווילן פון די זיגער.)

פאַרגעסט ניט: די רעדע האָב איך, פאַרשטייט זיך, ניט געהערט; דאָס הייסט, דער מוזיקאַליש־שוישפּילערישער עפעקט פון אַ רעדנער

אויף דער טריבונע איז פאַר מיר פאַרלוירן געגאַנגען. די רעדע האָב איך בלויז ג ע ל י י ע נ ט. די ווירקונג אויף מיר איז געווען — ווי איך וואָלט מיט איין שלונג אויסגעטרונקען אַ גלאָז שטאַרקן וויין.

אויב דאָס איז ניט קיין עסעי, איז עס זייער נאָענט צו אים. —

(שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז געווען די ערשטע און לעצטע — ד. ה., די איינציקע — רעדע וואָס ד ז ש אָ ר ד ז ש ג אָ ר ד אָ ן ב אַ י ר אָ ן האָט געהאַלטן אין בריטישן לאָרדנהויז, וואוהין ער האָט געהערט צוליב זיין געבורט. ערנסט טאָלער, אין זיין פּיעסע "די מאַשין־ברעכער", אָנשטאָט צו ברענגען די וואונדערלעכע רעדע ווי זי שטייט און גייט, האָט געהאַט דעם שלעכטן געשמאַק צו געבן אַן ערזאַץ אין פּערזנמאָס).

.3

נאָך אַ ביישפּיל:

פאַראַן אַ רוסישער פּובליציסט מיכאַאיל קאָלצאָוו, וועלכער שרייבט וועגן טאָגפראַגן. לייענט־דורך זיינעם אַן אַרטיקל: "אַלץ נאָך גאָגאָל". דאָס איז אַ מעשה וועגן דעם וויאַזוי מ'האָט געמאַכט פאַר אַ קאַליקע איינעם אַ מענטשן אויפן דניעפּערבוי, אַראָנק דער וואוילבאַקאַנטער רוסישער נאַכלעסיקייט און דעם ביוראָקראַטיזם — אַ ירושה פון די אַלטע צייטן, אַזש נאָך פון די גאָגאָלשע. דער אַרטיקל הויבט זיך אָן לירישׁ מיט דער באַרימטער שטעלע פון גאָגאָלן: "וואונדערלעך איז דער דניעפּער אין רואיקן וועטער..." די מעשה וויקלט זיך אויף קלאָמערשט אָן טאָלק, דער טאָן איז עפּעס אַ פאַררעכטיק געמיטלעכער, מיט אַ שפּריצל פון אומשולדיקן הומאָר אין זיך — ביז עס דעקט זיך אויף דער גאַנצער עפּיזאָד וואָס איז אַ מוסטער פון אידיאָטישער הפקרות. דער אַרטיקל עקספּלאָדירט פּלוצים מיט אַ סאַרקאַסטישער פאַרקירצונג פון דער אויבנדיקער צי־





טאַטע פון גאָגאָלן און מיט אַ דרינגענדיקער קללה. עס איז קלאָר, אַז דער אויטאָר האָט געהאַט אויף דער פּען דעם קלאַסישן רוסישן פּסוק, נאָר די אָנגענומענע כללים פון אָנשטענדיקייט האָבן אים ניט דערלויבט צו לאָזן זיך וואוילגיין. עס איז קיין ספק ניט, אַז אויף די געהעריקע דעפּאַרטמענטן האָט דער אַרטיקל געהאַט די ווירקונג ניט פון עפּעס דאָרטן אַ "דאָקלאַד", נאָר פון אַ באָמבע; אָבער דער חידוש איז, וואָס ער האָט דערמיט עפעקט אויך אויפן לייענער: איר שפּרינגט־אויף אַ צעקאָכטער און לאַכט מיט אַ בייזן געלעכטער. דער כמעט טריוויאַלער אינצידענט אַליין וואָלט אויף אייך אַזאַ רושם ניט געמאַכט. דאָס איז דערגרייכט געוואָרן מיט שרייבערשע מיטלען: סטיל, טאָן, אַקצענטירונג פון מאָמענטן, קלימאַקס און — איבער אַלעם — פ אָ ר ם: דער אַרטיקל ווירקט גאַנצערהייד, מיט זיין גאַנצקייט. אייער בייזקייט און אייער געלעכטער זענען דער רעזולטאַט פון עסטעטישער באַווירקונג.

אויב דאָס איז ניט קיין עסעי, איז עס זייער נאָענט צו אים.

.4

איך וואָלט אינגאַנצן ניט געזוכט צו דעפינירן דעם "ריינעם" עסעי, נאָר צו כאַראַקטעריזירן דעם ע ס ע א י ס ט י ש ן ס אָ ר ט שר י י ב ן — ניט דעם "עסעאיסטישן מענטשן". פּרוּווט, אויף טשיקאַווע, דעפינירן "ריין" דאָס ליד, די דערציילונג, דעם ראָמאַן — יעדע איינע פון די ליטעראַרישע פאָרמען — און איר וועט פאַרבלאָנדזשעט ווערן אין אַן אורוואַלטן וואַלד. אַלע ליטעראַרישע פאָרמען גיסן זיך אַריין איינע אין דער צווייטער, און אַ זשורנאַליסטישער אַרטיקל, פּונקט ווי אַ פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונג, קאָנען פאַר אונדז אין די אויגן זיך פאַרוואַנדלען אין ליטעראַטור — דורך דער עסעאיסטישער פאָרם, וואָס איז באמת דער אָנהויב פון ליטעראַטור. אַזעלכע שרייבער ווי ליטטאָן סטרעטשי אָדער אַנדרע מאָרוא האָבן זיך אַריינגעגליטשט אין זייערע בעלעטריסטישע ביאָגראַפיעס דורכן עסעי. ווען עמאַנואיל קאַנט, וועמען עס איז פאַרגעשריבן צו זיין

שטייף און פאַרקנעפּלט ביזן גאָרגל, זאָגט אַזוי לירישׁ און שטיל: "דער אויסגעשטערנטער הימל איבער מיין קאָפּ און דער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו אין מיין האַרצן" — דערזעט איר בחוש די שימערירנדיקע זילבערנע שיין וואָס דער "אויסגעשטערנטער הימל" וואַרפט אויף דעם נאַקעטן סקעלעט פון "קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו". אָדער ווען דערזעלבער פילאָזאָף הויבט אָן זיין פאָרשונג פון דעם "דינג אַן זיך" מיט די וואָרנענדיקע ווערטער: "און איצט לאָזן מיר זיך אַרויס אויף אַ נסיעה אין אומבאַקאַנטע, ניטאויסגעפאָרשטע, שטורמישע וואַסערן" — דערשפּירט איר דעם פּאַך פון די פליגל פון דער שעפערישער פאַנטאַזיע. קאַרל מאַרקס עפנט דעם "קאָמוניסטישן מאַניפעסט" מיטן זאַץ: "איבער אייראָפּע האָט זיך אַריבערגעטראָגן ד ע ר ס פּ ע ק ט ע ר פון קאָמוניזם"... באַמערקט, ווי די אַלע שרייבער צינדן־אָן אייער פאָרשטעלונגסקראַפט, ווייל זייער אייגענע איז אָנגעצונדן. די טעמע קאָן זיין "אַ געבראָטן חזירל", ווי בא איינעם פון די ענגלישע עסעאיסטן; אָדער אַ שאַלנדיקער רוף צו רעוואָלוציע, ווי בא מאַרקסן; אָדער אַן אַריינדרינג אין די "אומבאַקאַנטע וואַסערן" פון דער מענטשלעכער דערקענטניש פון איין זייט און פונם "דינג אַן זיך" — פון דער צווייטער. געמיינשאַפטלעך צו זיי אַלעמען איז דאָס, וואָס זיי באַנוגענען זיך ניט מיט ריינער עקספּאָזיציע — זיי זוכן אַרויסצוקריגן פון לייענער אַן ע מ אָ צ י אָ נ ע ל ־ ע ס ט ע ט י ש ן  אָ פּ ק ל א נ ג. דאָס איז ליטעראַטור, און דאָס זענען מאַניפעסטאַציעס פונם עסעאיסטישן סאָרט שרייבן.

"דער עסעי שטייט באַם שיידוועג פון אַלע ליטעראַרישע פאָרמען". "ער האָט אַ ציל — און וויל אים דערגרייכן". אָבער ער פאַרלאָזט זיך ניט אויסשליסלעך אויף לאָגישער אַרגומענטאַציע — ער שטרעבט צו באַווירקן עסטעטיש־עמאָציאָנעל. אויב זיין טעמע איז אַבסטראַקט און "גרויס", נעמט ער זי אָן בא אירע וויטאַלע, ווי מעגלעך ק אָ נ ק ר ע ט ע, פּונקטן; אויב זיין טעמע איז "קליין", טאָג־טעגלעך, טריוויאַל — גיט ער אַ רמז אויף איר באַציאונג צו אַלגעמיינע, גרעסערע "אישום". —



## אליעזר גרינבערג

# די אויפגערודערטע שרייבערוועלט

פרייטאָג אָוונט דעם 29טן אַפּריל, 1935, איז פאָרגעקומען אין מעקאַ טעמפּל, נויאָרק, די אָפיציעלע דערעפענונג פון דעם פאַררופענעם „אַמעריקאַנער שרייבער־קאָנגרעס" וואָס האָט געדויערט דריי טעג: פרייטאָג, שבת און זונטאָג.

דער קאָנגרעס איז הויפּטזעכלעך פאַררופן געוואָרן מיטן צוועק צו דיסקוטירן ספּעציפיש־קינסטלערישע פּראָבלעמען וואָס וואַקסן אַרויס אין אַ פאַרווירטער וועלט, פול מיט שניידנדיקע ווידערשפּרוכן, אין מיטן פון אַן אומגעהייערן גייסטיקן און עקאָנאָמישן קריזיס; ווי אויך כדי אויפצונעמען די פּראָבלעמען פון אַקציע, אין אָנגעזיכט פון וואַקסנדיקן פאַשיזם און אַ דראָענדיקער וועלט־מלחמה.

אַרום אַ הונדערט שרייבער זענען אַהער געקומען ווי געסט. און קרוב צו צוויי הונדערט זענען געקומען ווי דעלעגאַטן פון פאַרשיידענע שטאַטן, וואָס האָבן אָנגענומען די איינלאַדונגען וואָס דער קאָנגרעס האָט צעשיקט "צ ו  אַ ל ע  שרייבער וואָס האָבן שוין באַשטימטע קינסטלערישע פאַרדינסטן און האָבן שוין בא פריערדיקע געלעגנהייטן אַרויסגעוויזן זייער סימפּאַטיע צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג".

די דעלעגאַטן זענען געווען פון מיטעלן און יונגן דור אַמעריקאַנער שריפטשטעלער. עס האָבן דאָ געפעלט אַזעלכע קאַרפּן־קעפּ פון דער נייער אַמעריקאַנער ליטעראַטור ווי טעאָדאָר דרייזער, שערוואוד ענדערסאָן און נאָך אייניקע, וואָס האָבן נאָך ערשט נישט לאַנג געפלירטעוועט מיט דעם לינקן פליגל — און איצט זענען זיי שוין פאַרפאָרן אויף צוריק, ווער ווייסט וואוהין! ...

פאַרזיצער פון אָוונט איז געווען דער יונגער מאַרקסיסטישער קריטיקער גרענוויל היקס, און מיט באַגריסונגען זענען אויפגעטראָטן: וואַלדאָ פראַנק, משה נאַדיר, דזשאָזעפין הערבסט, פרידריך וואולף, מאַלקאָלם קאָולי, מייקל גאָלד, יודזשין קלעי און אוירל בראַודער, גענעראַל סעקרעטאַר פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

**אוירל בראָודער:**

— — — דער מעטאָד פון אונזער אַרבעט אין דעם דאָזיקן פעלד קאָן נים זיין קיין מעטאָד פון פּאַרטיי־רעזאָלוציעס, וואָס זאָלן אַרויסגעבן אַן אורטייל וועגן קינסטלערישע, עסטעטישע פראַגן. ס'איז ניטאָ קיין איינגעשטעלטע "פּאַרטיי־ליניע", לויט וועלכער קונסט־ווערק קאָנען אויטאָמאַטיש איינגעטיילט ווערן אין גוטע און שלעכטע... מיר קאָנען דעריבער באַרואיקן די אַלע, וואָס האָבן מורא, אַז... מיר קאָמוניסטן ווילן אייך "קאָנטראָלירן", אייך "אָנטאָן אַ מונדיר", א. אַז. וו.... מיר וואָלטן געוואָלט, אויף וויפל מיר זענען פייאיק, סטימולירן דעם באַוואוסטזיין פון אַלע שרייבער בנוגע פּאָליטישע פּראָבלעמען פון אונדזער צייט... מיר האַלטן אָבער בשום אופן ניט, אַז דאָס קאָן דערגרייכט ווערן דורך אַרויפצווינגען פּאַרטיקע מוסטערן אויף שרייבער. פאַרקערט, מיר גלויבן, אַז שיינע ליטעראַטור דאַרף שטאַמען דירעקט פון לעבן, אויסדריקן ניט בלויז די פּראָבלעמען פון לעבן, נאָר צו דער זעלביקער צייט די גאַנצע רייכקייט און קאָמפּליצירטקייט פון די דעטאַלן פון לעבן גופא. די פּאַרטיי וויל העלפן ברייננען די שרייבער אַ נייעם אוצר מאַטעריאַל, עפענען פאַר זיי אַ נייע וועלט...

די ערשטע פאָדערונג, וואָס די פּאַרטיי שטעלט צו אירע שרייבער מיטגלידער איז אַז זיי זאָלן זיין גוטע שרייבער, אַלץ בעסערע שרײ־



בער. ווייל בלויז אַזוי אַרום קאָנען זיי ווירקלעך דינען דער פּאַרטיי. מיר ווילן ניט נעמען קיין גוטע שרייבער און פון זיי מאַכן שלעכטע סטרייקפירער.

**וואַלדאָ פראַנק:**

— — — מיין שטאַנדפּונקט און דער שטאַנדפּונקט פון דער מאַיאָריטעט פון שרייבער וואָס האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט איז: אַז קאָמוניזם איז אומפאַרמיידלעך און מען דאַרף פאַר דעם קעמפן. די וועלט שטייט באַם שיידוועג. עס גייט צו דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג. און אויב ניט, וועט די מענטשלעכע קולטור נישט ווי מיר האָבן זי, נאָר ווי מיר ווילן זי שאַפן — מוזן אומקומען. איך זאָג נישט, אַז דער מאַרש פאָרויס איז זיכער. דעם מענטשנס לעבן שטייט אַצינד אין קאָן; און פאַרן מענטשן שטייען אַלעמאָל די אויסוועגן אָדער פון לעבן אָדער פון טויט. עס דאַרף זיין קלאָר, אַז דער אידעאַל פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט איז ניט, אַמלעצטן, אַ פּאָליטיש־עקאָנאָמישע פּראָבלעם: עס איז אַ קולטור־פּראָבלעם: עס איז די מענטשלעכע פּראָבלעם.

דער טערמין "פּראָלעטאַריש" אויפן געביט פון קונסט דאַרף זיך באַציען אויף דעם גרונט־טאָן און וויזיע, לויט וועלכע דאָס קונסט־ווערק ווערט אויפגעפאַסט, גיכער ווי אויף דעם סוזשעט. דאָס דאַרף זיין ניט קיין קוואַנטיטאַטיווער טערמין, נאָר אַ קוואַליטאַטיווער. אַ דערציילונג פון דעם לעבן פון מיטקלקלאַס אָדער פון אינטעלעקטואַלן, אָדער אפילו פון מיטאָלאָגישע פיגורן — אויב זי איז באַלויכטן מיט רעוואָלוציאָנערער זעאונג — איז מער ווירקזאַמע פּראָלעטאַרישע קונסט, און מער ווירקזאַמע קונסט פאַר פּראָלעטאַריער, איידער אַ גאַנצע פּאָליצע לאַנגווייליקע נאָוועלן וועגן שטאַמפּאָווע אַרבעטער.

אום גוט צו קאָנען שילדערן טיפּן פון אַ באַשטימטן קלאַס, מוז מען אויך קענען טיפּן פון דעם אָפּאָזיציאָנעלן קלאַס. אויב מיר ווילן באַגרייפן אַ סצענע פון דער קעגנוואַרט, מוזן מיר זי אויך זען אין ליכט פון דער פאַרגאַנגענהייט... און אין דער דינאַמישער ווענדונג: אין דער צוקונפט. *דאָס איז די דיאַלעקטיק פון דעם קינסטלער.*

אויב מיר גלויבן אַז קאָמוניזם איז דער נעקסטער אָרגאַנישער שריט מיט שעפערישע כוחות צו *באַפרייען די וועלט — מוזן מיר אויך גלויבן אין דער קונסט וואָס אַנטפּלעקט די מענטשלעכע טיפּן וואָס טראָגן איר גורל.*

## משה נאַדיר:

— — — די מינאָריטעט שפּראַך־גרופּע, וועלכע איך האָב דעם כבוד צו פאַרטרעטן בײַ דעם קאָנגרעס פון די אַמעריקאַנישע שרייבער, האָט די אויסצייכענונג פון האָבן געווען, פון אָנהייב אָן, דערהויפּט די שפּראַך פון די פּראָדוצירנדיקע האָרעפּאַשניקעס, אין קעגנזאַץ צו דעם העברייאיש פון דעם געבילדעטן "העכערן" קלאַס און דעם ריינעם דײַטש פון די וואולגאַרע מיטלשטאַנד־אַסימילאַנטן.

פון אַ האַלב־גראַמאָטנעם קינד, אינם מיטן פון לעצטן יאָרהונדערט, איז אידיש געוואָרן צוביסלעך גראַמאָטנע, דערנאָך ליטעראַריש, און סוף־כל־סוף — אין די הענט פון אַ קליינער גרופּע הויכקריכנדיקע שאָוויניסטן — שוין אביסל צו "ליטעראַריש", צו קאָנען באַפרידיקן די נויטן פונם אַרבעטער־לייענער.

ניט לעבן כדי צו שרייבן, ניט שרייבן צו לעבן, נאָר גלייכצייטיק *לעבן און שרייבן*, נוצנדיק די פּען אָדער די פויסט, אָדער די ביידע, לויט ווי די רעוואָלוציאָנערע געלעגנהייט פאָדערט — אָט וואָס פּראָלעטאַרישע שרייבער דאַרפן זיך שטעלן פאַר אַ ציל.

רעדוצירט צו אַ פּשוטער (שוין צו פּשוטער) פאָרמולע, קאָן מען זאָגן, אַז ליטעראַטור טיילט זיך בלויז אין צוויי באַשטימטע



מעטאָדן: 1) צו קאָמפּליצירן דאָס איינפאַכע; 2) צו פאַראיינפאַכן דאָס קאָמפּליצירטע.

דאָס ערשטע איז דער מעטאָד פון אַ געוויסן טייל בורזשואַזנע "פילאָזאָפן" (די סאַנטאַיאַנאַס און קייזערלינגס), וועלכע נאָכדעם ווי זיי נעמען אַ פּראָסטן קעגנשטאַנד און פאַרקאָמפּליצירן אים, געלינגט זיי אַמאָל מיט שווערער מי עס צו מאַכן צוריק האַלב־אַזוי־גרינג ווי עס איז געווען אין אָנהויב.

צו פאַראיינפאַכן — ניט פאַרוואולגאַריזירנדיק, צו לערנען אַנדערע אַזוי גוט ווי זיך אַליין, שטענדיק האָבנדיק פאַר די אויגן די רעוואָלוציאָנערע ציל־איינשטעלנוג, איז דער מעטאָד פון דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור. *דורך דער ליטעראַטור* זענען מיר, פּראָלעטאַרישע שרייבער, אין דעם מאָמענט אויסן די *רעוואָלוציאָניזירונג* פון די אַרבעטער־מאַסן! אַז אונזער אָקטאָבער וועט זײַן דערגרייכט, וועלן מיר דעמלט קאָנען אָנהויבן טראַכטן פון צעברעכן די אַלע קונסט־פאָרמעס און באַשאַפן נייערע, מער פּאַסיקע פאַר אונדזער קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט, אָדער (שפּעטער) פאַר דער מלוכהלאָזער געזעלשאַפט.

## מאַלקאָלם קאַולי:

— — — מיר לעבן אין אַ צייט ווען עס זוכן צו ברייינגען משיחן נישט נאָר אַרבעטלאָזע גלחים, אינזשינירן און קליינע געשעפטסלייט וואָס האָבן אָנגעוואוירן זייערע פאַבריקלעך, נאָר אפילו צעטומלטע נאָוועליסטן און פּאָעטן וואָס קאָנען מער נישט שרייבן קיין פּאָעזיע. מאַרקס און לענין זענען נישט געווען קיין משיחים; זיי זענען געווען וויסנשאַפטלער פון אַקציע. זייער צוועק איז געווען נישט בלויז צו באַקערן, נאָר אויך צו איבערצייגן.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג קאָן נישט טראַנספאָרמירן קיין שרייבער וואָס זענען צוגעוואוינט געוואָרן צו גיין אַליין און זיך אָפּ־

געבן נאָכאַנאַנד מיט פערזענלעכע פּראָבלעמען — אין פּאָליטישע פירער פון ארבעטערקלאַס. דער ארבעטערקלאַס וועט שוין אַליין צו־שטעלן אייגענע פירער. און נאָך: די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג קאָן ניט פאַרוואַנדלען דריט־קלאַסיקע נאָוועליסטן אין גרויסע פּראָלעטאַ־רישע שרייבער.

מיר פלעגן מאַכן צופיל טומל וועגן דעם מענטשנס אינערלעך לעבן. היינט ווייסן מיר שוין, אַז דאָס אינערלעכע לעבן פון איין מיטל־קלאַס־נאָוועליסט איז זייער אַ סך ענלעך אויף דעם אינערלעך לעבן פון אַן אַנדער מיטלקלאַס־נאָוועליסט. און די באַפרייענדיקע ווירקונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז געווען אַרויס־צופירן דעם שרייבערס אינטערעס אין דרויסן פון זיך אַליין — אויפן טראַקט צו די שניידנדיקע קאָנטראַסטן און קאַמפן פון דער ווירקלעכער, אַרומיקער וועלט.

**די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג לערנט דעם קינסטלער, אַז קונסט איז נישט קיין אינדיווידועלער פּראָדוקט נאָר אַ סאָציאַלער; אַז זיין דערפאַרונג איז דער רעזולטאַט פון דער געזעלשאַפט אין וועלכער ער לעבט,** און ווען דער קינסטלער הערט אויף אַקטיוו זיך צו באַטייליקן אין לעבן אַרום אים, ווערט דער קוואַל פון זיין אינספּיראַציע אויסגעשעפּט און אויסגעטריקנט.

מיין דערציאונג, מיין שטאַם און בילדונג — אַלץ — איז פון מיטלקלאַס. מען קאָן מיך באַצייכענען ווי אַן עכטן קלאַסן־באַוואוסט־זיניקן קליין־בירגערלעכן קריטיקער. איך גלויב אָבער, אַז די אינ־טערעסן פון מיין אייגענעם קלאַס זענען אַזוי אייננג פאַרבונדן מיטן פּראָלעטאַריאַט, שוין אָפּגערעדט פון די אינטערעסן פון די שרייבער — אַז זיי קאָנען אַ סך געווינען פון אַזאַ פאַראייניקונג.

אַ שאַרפע דיסקוסיע האָט אַרויסגערופן קענעט בווירקס רעפעראַט וועגן "רעוואָלוציאָנערן סימבאָליזם".



עדווין סיוועטר האָט געלייענט וועגן דער "פּראָלעטאַרישער נאָוועלע".

מעטיו דזשאָזעפסאָן — "סאָוועטישע קולטור".

דזשיימס ט. פאַרעל — "די דערציילונג".

גרענוויל היקס — "מאַרקסיסטישע קריטיק".

מייקל בלענקפאָרד און נ. בוכוואַלד — "געזעלשאַפטלעכע שטרעמונ־גען אין דער מאָדערנער דראַמע".

מ. אָלגין — "דער רוסישער שרייבער־קאָנגרעס".

איזידאָר שניידער — "פּראָלעטאַרישע דיכטונג".

דזשאָן האָוארד לאָוסאָן — "די דראַמע".

קאַרלים לאַמאָנט — "שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד".

דזשעק קאָנראָי — "דער ארבעטער אַלס שרייבער".

יודזשין גאָרדאָן — "סאָציאַלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען פון דעם נעגער־שרייבער".

יודזשין קלעי — "די מאָדערנע נעגער־ליטעראַטור".

וועגן די לעצטע צוויי האָבן מיר טאַקע געפונען אין דער "פרייהייט" פון זונטאָג, מאַי דעם 5טן 1935, אין נ. בוכוואַלדס איבערבליק וועגן שרייבער־קאָנגרעס, אָטוואָס: "יודזשין גאָרדאָנס רעפעראַט האָט געגעבן די אָנווייזנדיקע ליטעראַטן אַ קלאָרע און וואָגיקע אָפּ־האַנדלונג וועגן די קולטור־פּראָבלעמען אין דעם קאַמף פאַר נעגער־רעכט. יודזשין קלעי האָט אַרויסגערופן אַ שטורעמדיקע אָוואַציע מיט

זיין פּרעכטיקער אָפּהאַנדלונג וועגן מאָדערנער נעגער־ליטעראַטור. דאָס איז געווען איינער פון די גלענצנדסטע רעפעראַטן אויפן קאָנגרעס!" בוכוואַלד האָט נישט איבערטריבן. עס האָט בלויז פאַרדראָסן, וואָס די עלטערע אייגעלאַדענע אידישע שרייבער — אָלגין, נאַדיר, אָפּאַטאָשו, ראַבאָי, בוכוואַלד און אייבראַמס האָבן זיך נישט פריער צונויפגערעדט אַז אַן ענלעכע ארבעט ווי קלעי'ס זאָל צוגעגרייט ווערן וועגן דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור. דער "פּראָלעטפּען" האָט זיכער דורכגעלאָזט אַ גוטע געלעגנהייט!

איך בין אויך נישט זיכער צי האָט מען ריכטיק אָנגעווענדט אין דער פּראַקטיק צו שרייבער פון מינדערהייטן די פאָרשריפט איינצולאַדן "אַלע שרייבער וואָס האָבן שוין באַשטימטע קינסטלערישע פאַרדינסטן, און האָבן שוין בײַ פריערדיקע געלעגנהייטן ארויסגעוויזן סימפּאַטיע צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג".

פון די אינגערע אמעריקאַנער פּאָעטן האָבן זיך באַטייליקט: קענעט פירינג, אַלפרעד העיז, ראָלף, ראַוו, גאָדין, פונאַראָף, לעאָן דענען. די דערציילערין טילי לערנער און אַ סך אַנדערע.

דער שרייבער־קאָנגרעס האָט זיך אָרגאַניזירט אין אַ שטענדיקער קערפּערשאַפט: "ליגע פון אמעריקאַנער שרייבער". עס איז דערוויילט געוואָרן אַן עקזעקוטיווע, מיט וואַלדאָ פראַנק אַלס סעקרעטאַר.

עס זענען אָנגענומען געוואָרן וויכטיקע רעזאָלוציעס.

באַגריסונגען זענען אָנגעקומען פון גאָרקין, שאָלאָכאָוו, טרעטיאַקאָוו, ראָלאַנען באַרביסן און אַנדערע.

אין פאַרבינדונג מיט דעם נאָרוואָס פאָרגעקומענעם אמעריקאַנער שרייבער־קאָנגרעס, איז אינטערעסאַנט דאָ צו אינפאָרמירן, אַז אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון שרייבער אין פאַרטיידיקונג פון קולטור ווערט פאַררופן אויפן 3טן יוני אין פּאַריז.



דער פּאָליטישער קאָליר פון דעם קומענדיקן קאָנגרעס ווערט קלאָר פון דעם פאַקט — וואָס קיין אויסגעשפּראָכענע פאַשיסטן האָט מען נישט איינגעלאַדן. מיט ד ע ם אויסנאַם, ווערן דערוואַרט דאָרט אַלע באַוואוסטע שרייבער, ווי בערנאַרד שאָו, האָקסלי, ראָסל, ווירדזשיניאַ וואולף, לאַגערלעף, טאָמאַס מאַן, גאָרקי און אַ סך אַנדערע.

דער דאָקומענט איז אונטערגעשריבן פון 25 פראַנצויזישע שרייבער, צווישן וועלכע עס געפינען זיך די נעמען פון ראָלאַן, זשיד, ווילדראַק, באַרביס, מאַלראָ, אַראַגאָן, מאַרגעריט, זשאַן רישאַר בלאָק און פּאָל ניזאָן.

אויפן קאָנגרעס ווערן אויך דערוואַרט אמעריקאַנער קאָלעגן, און אין נויאָרק האָט זיך שוין אָרגאַניזירט אַ קאָמיטעט צו דערוויילן דעלעגאַטן.

עס ווערן אָנגעגעבן מער ווי פערציק טעמעס וואָס וועלן דאָרטן דיסקוטירט ווערן. מיר וועלן דאָ בלויז ברענגען אַ פּאָר פון זיי:

1) דער אינדיווויד ווי אַן אויסדרוק פון זיין קלאַס.

2) דער קריטישער ווערט פון ליטעראַטור.

3) ליטעראַטור ווי אַ שפּיגל און קריטיק פון דער געזעלשאַפט.

4) שרייבער אין גלות.

5) מלחמה און קולטור.

6) דער מענטש און די מאַשין.

7) איבערזעצונגען.

8) די באַציאונגען צווישן נאַציאָנאַלע קולטורן.

9) נאַציאָנאַלע קולטור ווי אַ קלאַס.

## יוד זיין

## צייטשריפט

"צוקונפט", מערץ־נומער:

ה. לייוויקס "באַלאַדע פון דענווער סאַנאַטאָריום" איז אַ שטאַרק פאַרגרעסערטער וואַריאַנט פון זיין ליד וואָס איז געווען איבערגע־דרוקט אין "סטודיאָ" נומער 2, אין אַרטיקל "צווישן שרייבער". דיזעלבע אימאַזשן ווערן גענוצט: דאָס זייגערל, דאָס גלאָז, די פען. פאַראַן אַ סך גוטע שטעלן, נאָר דאָס קליינע קאָמפּאַקטע ליד איז מיר מער צום האַרצן איידער די עמאָציאָנעל־איבערגעלאָדענע באַלאַדע.

אויף אַ העכערן פּלאַן זענען געשריבן זיינע לידער "שפּינאָזע" אין נומער 10 "אינזיך". דאָס איז שיר ניט אַ דעקלאַראַציע פון אַ גלויבן אין גילגול נשמות. דער פּאַטאָס איז גרויס, נאָר די שטיפע פאָרם האַלט אים אין צוים. אין תוך גענומען, זענען דאָס אויך סאַנאַטאָריום־לידער, נאָר אַטוואָס:

געדיינקט איר דעם פינאַל פונם "גר־צדק" ווי ער איז אויפגעפירט געוואָרן בא די "ווילנער"? דער גר־צדק (יוסף בולאָוו), ווען מ׳הויבט אים אָן בראָטן אויפן שייטערהויפן, ברעכט אויס אין אַ יאָמער וואָס איז אַ געזאַנג. איר האָט דעם איינדרוק, אַז מ׳וועט אים אַזוי בראָטן לאַנג, זייער לאַנג, און אַז ער וועט אַזוי זינגען און וואָיען, וואָיען און זינגען דורך דורות און דורות. דאָס איז די גרעסטע אָנשטרענגונג וואָס דער מענטש מאַכט אויף דער ערד — צו פאַרוואַנדלען זיין וואָי אין אַ געזאַנג. —

"סטודיאָ", נומער 3.

"דער אַמעריקאַנער שד" איז דער ערשטער טייל פון אַ ראָמאַן אין פיר טיילן, פון אַמעריקאַנער לעבן, פון אונדזערע טעג — לאָמיר זאָגן, פון די לעצטע צען יאָר. "דער שטול", וואָס איז געווען גע־



דרוקט אין ערשטן נומער "סטודיאָ", איז אַ קאַפּיטל פון אַ ווייטער־דיקן טייל פון דעמזעלבן ראָמאַן. ש. ניגער, ריידנדיק וועגן יענעם קאַפּיטל, זאָגט: "אויב דער גאַנצער ראָמאַן איז געשריבן אין אַזאַ נערוועזן, אימפּעטיקן סטיל, וועלן מיר האָבן אַ נייעם סאָרט ראָמאַן אין דער אידישער ליטעראַטור". ניין, דער גאַנצער ראָמאַן איז נ י ט געשריבן אין דעם סטיל. נאָך מיין מיינונג, דאַרף דער סטיל זיך פּאַסן צום באַהאַנדלטן מאַטעריאַל. די גאַנצקייט פון אַ ווערק הייננט אָפּ פון אַנדערע עלעמענטן, ווי אַ פּלאַן, אַ צייכענונג, קאָמפּאָזיציע, עטצ.

דער לייענער וועט באַמערקן, אַז די לידער אין דעם נומער זענען אויסגעזעצט לויטן אָנגענומענעם מוסטער. עס ציינט זיך אַרויס, אַז ניט די לייענער און ניט די פּאָעטן געפעלט ניט די נייאיקייט וואָס מיר האָבן פּרובירט איינפירן אין די פּאָריקע צוויי נומערן. סוף כל סוף, איז עס ניט קיין פּרינציפּיעלע פראַגע, און מיר געבן־נאָך דעם געשמאַק פונם עולם. אָבער איינער פון די פּאָעטן, אין אַ בריוו צו אונדז, בייזערט זיך שטאַרק דערויף וואָס מיר זאָגן אַמאָל אַ מאָל אַ וואָרט אַ פּראָפּאָ אַ ליד פאַרעפנטלעכט אין "סטודיאָ": ער וויל ניט מיר זאָלן אַריינדרינגען אין זיין מלוכה מיט "מבינות" (אַזוי פאַרשטייט ער עס). די פּראָזע אַרט אים, אַפּנים, ניט. נו, דאָ זעט איר, קאָנען מיר אים שוין ניט צוליב טון. דאָס איז אַ שטריך אויפן פּנים פון "סטודיאָ" — שיין צי מיאוס. —

אַלטער עסעלינס "פון אָפּגרונט" איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אָטרעם אַביסל עקזאָטישן פּאָעט: פאַראַן דאָ, ווי אין די מערסטע לידער, פאַרשטיקטער רעליגיעזער ברען, ווי בא אַ נזיר וואָס מאָרעט זיין גוף און קאָן זיינע תאוות ניט פאַרלעשן — ווי אויך זיין נייגונג צו אומגעריכטן, ביזאַרן געברויך פון עפּיטעטן און פאַר־גלייכן. —

"די אויפגערודערטע שרייבערוועלט", פון אַ גרינבערג. דער נאָמען איז טרעפלעך. דער מאַרש פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, פון

איין זייט, און דער פּאַשיזם פון דער צווייטער — האָבן אויפגע־טרייסלט די שרייבער איבער דער גאָרער וועלט, און צווישן זיי האָט זיך אָנגעהויבן אַ מין פּראָצעס פון פּאָלאַריזאַציע: יעדערער האָט זיך געלאָזן לויפן צו דעם לאַגער וואו ער געהערט אָדער וויל געהערן, ווי דאָס האָט שוין אָנגעוויזן דערזעלבער א. גרינבערג אין זיין אַרטיקל "צוויי קאָנגרעסן" אין נו. 2 "סטודיאָ". פון די דריי ביזאַהער אָפּגעהאַלטענע שרייבער־קאָנגרעסן איז איינער געווען אַ סאָליד־"רעכטער" און צוויי "לינקע". עס גרייט זיך נאָך אַ קאָנגרעס (אין פּאַריז) וואָס זעט אויס אָרגאַניזירט צו ווערן אויף מעסיק־"לינקע" פּרינציפּן. איצט בלייבט נאָך, אַז די אויסגעשפּראָכן פּאַשיסטישע שרייבער זאָלן האָבן אַ צוזאַמענפאָר — זאָגן מיר, אין רוים — וועלן מיר האָבן אַלע שאַטירונגען. —

דער "איקאָר־זשורנאַל" האָט געביטן זיין נאָמען אויף "ניילעבן" און דערשיינט אין אַ פאַרגרעסערטער און פאַרשענערטער פאָרם אונטער דער רעדאַקציע פון ש. אַלמאַזאָוו, י. מ. בודיש און משה כץ. פּריינט פון דער "אידישער אויטאָנאָמיע" געפינען דאָ וועגן איר אַ סך אינפאָרמאַציע, און ווען קעגנער וואָלטן אים געלייענט — וואָלטן זיי אפשר געוואָרן פריינט. —

עס זענען שוין דערשינען 3 נומערן פון באַנייטן "סיגנאַל", דעם חודשלעכן אָרגאַן פון פּראָלעטפּען. מ'פאַרזיכערט אונדז, אַז דער זשורנאַל איז איצט בעסער אָרגאַניזירט און וועט דערשיינען רעגל־מעסיק.

די "פרייע ארב.־שטימע" איז אַלט געוואָרן 35 יאָר — אַ זעלטענע עלטער פאַר אַ וואָכנשריפט אין אידיש, דאַכט זיך — אָן איינציקער פאַל. דער גרעסטער וואונדער זענען אירע חסידים און לייענער, וואָס אויב זיי זענען ניט צו גרויס אין צאָל, זענען זיי גרויס אין זייער איבערגעבנקייט צו זייער צייטשריפט. די פּאָליטישע ריכטונג פון דער "פ.א.ש." איז אונדז פרעמד, און דאָס וויכטיקסטע און סימפּאַטישסטע אין איר איז נאָך אַלץ דאָס וואָס זי איז אַ "פרייע טריבונע". —





לאַמעד שין

## שרייבטיש

### דער אידיש־קולטור־צווייג באַם איקאָר און די ליגע פאַר רעכט פון אידיש אין פּאַלעסטינע

שבת און זונטאָג, 23טען און 24טען פעב., איז אין נויאָרק אָפּגע־האַלטן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון דער ניי־געגרינדעטער "ליגע פאַר רעכט פון אידיש אין פּאַלעסטינע. עס זענען געווען פאַרטראָטן 107 אָרגאַניזאַציעס, צווישן זיי — דער "אידיש־קולטור־צווייג" באַם איקאָר.

די געהאַלטענע רעדעס זענען כמעט אַלע געווען מיליטאַנטיש און געווענדט ק ע ג ן  ד ע ר  "ה ס ת ד ר ו ת" פאַר איר ראָלע אינם קאַמף קעגן אידיש אין פּאַלעסטינע. דאָס איז פאַרשטענדלעך, ווייל ריידן צו די בורזשואַזע אָדער פאַשיסטישע ציוניסטן איז ארויס־געוואָרפענע אַרבעט. אויסגעלאָזן האָט זיך עס דערמיט, וואָס די רעזאָלוציע־קאָמיסיע האָט אַריינגעבראַכט אַ רייע רעזאָלוציעס וואָס זייער טאָטאַליטעט קאָן כאַראַקטעריזירט ווערן ניט ווי אַ  פּ ר אָ־ ט ע ס ט,  נאָר ווי אַ  פּ ע ט י צ י ע  צו דער „הסתדרות" זי זאָל געדיינקען אָן גאָט און אָן שטראָף אויף יענערוועלט. נאָר דאָס שענסטע קומט צום סוף. איינע פון די אַריינגעבראַכטע רעזאָלוציעס האָט זיך געלייענט אַזוי: "די קאָנפערענץ דריקט אויס איר צופרידנ־קייט דערמיט וואָס אידיש איז אָפיציעל אָנערקענט געוואָרן אַלס די מלוכה־ און קולטור־שפּראַך פון דער אידישער אויטאָנאָמיע אין בירא־בידזשאַן". די דאָזיקע מער ווי מילדע רעזאָלוציע איז  א פ י ל ו  נ י ט  צ ו ג ע ל אָ ז ן  ג ע װ ו אָ ר ן  צ ו  ד ע ר  אָ פּ ש ט י מ ו נ ג:  זי איז "געטייבלט" געוואָרן.

איר פאַרשטייט? אַן אַרבעטער־ליגע פאַר די רעכט פון אידיש אין איינער פון "אונדזערע מדינות", וואו אידיש ווערט אונטערדריקט,

ווייל אפילו ניט אַרויסזאָגן איר "צופרידנקייט" מיט דער ה ע ר ש אַ פ ט פון אידיש אין אַ צווייטער אידישער מדינה — בלויז דערפאַר וואָס די לעצטע געפינט זיך אין די גרעניצן פון סאָוועטנפאַרבאַנד וואָס ווערט געבויט אויף סאָציאַליסטישע יסודות. באַזעלבע אומשטענדן, וואָלט דער אידיש־קולטור־צוויַיג באַם איקאַר באַדאַרפט אַרויסטרעטן פון דער ליגע — אויפן ערשטן קוק. אָבער ווען מ'קוקט זיך צו נעענטער, באַקומט זיך אָט וואָס: פון די דעלעגאַטן האָבן געשטימט 20 פאַר דעם אַז מ'זאָל די רעזאָלוציע דערלאָזן צו דער אָפּשטימונג און 42 דערקעגן. די איבעריקע (געווען אַריבער 200) דעלעגאַטן האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון אָפּשטימונג. זיי זענען פשוט צעטומלט געוואָרן: זיי האָבן זיך אויפן מאָמענט ניט געקאָנט פאַנאַנדערקלייבן אין דער גאַנצער פראַגע און האָבן מורא געהאַט, אַז ביידע צדדים ווילן זיי ערגעץ "אַריינגנאַרן". זיי איז אפילו ניט קלאָר געווען, צי שטימט מען דאָס אָפּ די רעזאָלוציע גופא, אָדער בלויז צי זאָל מען די רעזאָלוציע שטעלן צו דער אָפּשטימונג. וויבאַלד אַזוי, האָט דער אידיש־קולטור־צוויַיג גוט געטון, וואָס ער האָט באַשלאָסן אויסצואוואַרטן מיט זיין שטעלונג צו דער ליגע. אויב עס זאָל זיך אַרויסווייזן, אַז די ליגע איז עקסטרעם ציוניסטיש, ד. ה. — אַז זי שטייט אויפן באָדן פון: "1) פאַלעסטינע איז וויכטיקער פון סאָציאַליזם, 2) פאַלעסטינע איז וויכטיקער פון אידיש, דער שפּראַך פון די אידישע פאָלקסמאַסן", 3) פאַלעסטינע איז, הייסט עס, וויכטיקער ווי דאָס ווירקלעכע, היינט־עקזיסטירנדיקע אידישע פאָלק — וועט, גלויב איך, פאַרן "צוויַיג" זיכער קיין פּלאַץ אין דער ליגע ניט זיין, הגם די איינצלנע מיטגלידער, ווי יחידים, קאָנען דאָרט בלייבן.

פאַראַן אפילו אַ מיינונג, אַז דער אינצידענט איז אַ סימן טוב: דאָס באַווייזט, אַז די אידייע וועגן אידיש (אין פאַלעסטינע) האָט אַריינגעדרונגען אין "רעכטע" קרייזן, פונוואַנען עס איז שווער געווען צו דערוואַרטן אַזאַ באַציאונג צו אידיש. דאָס "איבעריקע" וועט שוין, הייסט עס, קומען מיט דער צייט. הלואי. פון זייער מויל אין דער געשיכטעס אויערן. —



## אַ בלאָטער האָט געפּלאַצט

הוירסט פאַשיזירט אַמעריקאַנער עפנטלעכע מיינונג — ניין, גיכער יענע עלעמענטן אין לאַנד וואָס עס איז לייכט זיי צו ברענגען צו די כוליגאַנישסטע פאָרמען פון פאַשיזם, צו פיזישער ברוטאַליטעט. ער העצט קעגן סאָוועטנפאַרבאַנד, קעגן פרעמדע, קעגן אידן, קעגן נעגערן, קעגן אַרבעטער. קומט אים צו הילף דער קאַהאַנישער "פאָרווערטס", דורך דער הילף פון זיינער אַ "האַנט". אַזוי פשוט. אַזוי פאַרשטענדלעך.

האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל אין שטעטל. עס פּראָטעסטירן יחידים. עס פּראָטעסטירן אָרגאַניזאַציעס. עס פּראָטעסטירט אפילו די "פאָרווערטס־אַסאָסיאיישאָן" אַליין.

איז עס פשוט קאָמיש. ערשטנס — וואו זענען זיי פריער געווען, אָטדי אַלע שרייער? האָבן זיי ניט געזען פריער וואָס דער קאַהאַנישער "פאָרווערטס" איז און וואוהין ער פירט? צווייטנס, אַז די "אַסאָסיאיישאָן" האָט שוין געמאַכט אַ פאַרזוך צו קרימען אַ האָר אויפן קאָפּ פון זיין פּראָטעזשע, האָט קאַהאַן זיי געסטראַשעט מיט זיין רעזיגנאַציע — און די מיטגלידער (די מערהייט) האָבן זיך דערשראָקן. וואָס, למשל, האָבן זיי זיך דערשראָקן? האָבן זיי שוין גאָרניט קיין אַנדערע "פּייאיקע" מענטשן אין דער "אַסס'ן"? איז אַפּנים, אַז ניט. והא ראיה — אָט זעט איר דאָך: קאַהאַן האָט געוואוסט מיט וועמען ער האָט צו טון. דער טומל האָט זיך אויסגעלאָזן מיט גאָרניט. —

## פונדעסטוועגן — וואו איז דער פּען־קלוב?

עס דערמאָנט זיך מיר, ווי דער פּען־קלוב האָט אויסגעשלאָסן ק. מאַרמאָרן צוליב די פאַלעסטינע־געשעענישן. וואו איז ער אַהינגעקומען איצט? פאַרוואָס האָט ער איינגענומען שטומעניש וועגן דעם ענין לאַנג? אָדער אפשר איז ער מסכים מיט קאַהאַנען, לאַנגן און

הוירסטן? איז—פאַרוואָס זיך ניט ארויסזאָגן אין דעם זינען? עס וואָלט געווען אינטערעסאנט צו הערן.—

## די מעשה דרייזער

און נאָך אַן אומזיסטער טומל: טעאָדאָר דרייזער איז אַן אַנטיסעמיט, אַן אַנטינעגריסט, אַן אַמעריקאַנער שאָוויניסט. דאָס אַלץ איז געווען צו דערוואַרטן. דרייזער האָט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן פאַרבראַכט אין קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען און זשורנאַלן, וואו און דורך וועלכע ער האָט זיך, ברוך השם, פאַרזאָרגט אויף דער עלטער. נאָר — דער עיקר — דרייזער איז אַלעמאָל געווען אַ צעטומלטער קאָפּ, אפילו אין זיינע בעלעטריסטישע ווערק, און אַז אים האָט זיך, אויף זיין פאַרזאָרגטער עלטער, פאַרגלוסט אַ שפּיל צו טון אין ראַדיקאַליזם, איז עס געווען ניט מער ווי אַ צעבוייטעטער ליבעראַליזם. איז וואָס איז דאָ נתפּעל צו ווערן דערפון וואָס די מוטנע כוואַליע וואָס גייט אויף דער וועלט האָט אים פאַרכאַפּט און וואָס ער גייט צום פאַשיזם? יאָ־יאָ, אַהין טאַקע גייט ער דאָס און ער וועט אימירצעשעם קומען, ניטגעקוקט אויף אַלע באַמיאונגען פון די קאַמוניסטן אים "ניט צו פאַרשטויסן". גראָד אָטדי באַמיאונגען געפעלן מיר אָם ווייניקסטן, ספּעציעל בא די אידישע קאָמוניסטן. אַז לייוויק מיט זיינע קאָלעגן זענען ארויסגעטראָטן פון דער "פריי־הייט", האָט מען אויף זיי געמאַכט אַ משפּט — מ'האָט זיך ניט געשראָקן זיי צו "פאַרשטויסן", כאָטש זיי האָבן קיין איין וואָרט ניט געזאָגט וואָס זאָל אפילו ווייטלעך דערמאָנען אָן אַ שאָוויניזם ווי דרייזערס. מ'האָט זיך ניט געשראָקן, מיט עטלעכע יאָר פריער, צו פאַרשטויסן, פאַר אַ פּאָר נאַרישע ווערטער, משה־לייב האַלפּערן — אַ מענטשן וואָס האָט לויטן סאַמע כאַראַקטער פון זיין טאַלאַנט געהערט צו דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטערבאַוועגונג. מ'שרעקט זיך נאָך היינט ניט צו אַנטאַגאָנירן אַזעלכע עלעמענטן וואָס וואָלטן ווייניקסטנס געקאָנט שאַפן אַ מין בופער־זאָנע אַרום דער באַוועגונג. נאָר אָט מיט דרייזערן ניאַנטשעט מען זיך. מיט בערנאַרד שאָו האָט מען זיך שוין צוואַנציק מאָל געקריגט און איבערגעבעטן. מ'איז



גערולדיק אפילו צו ה. ג. וועלסן, וואָס זיין חכמהדיקער קאָפּ איז נאָך צעטומלטער און צעבוייטעטער ווי דרייזערס. וואָסזשע איז דער שכל פון אַזאַ אונטערשייד אין דער באַציאונג צו די צוויי גרופּעס שרייבער?

אַזאַ באַציאונג איז ניטטאַקטיש און ניטפּרינציפּיעל. ס'איז ניטשיין. ס'איז ניטגוט. —

## "ראַספּוטין"

אין "אינזיך" נומער 11 שרייבט ה. לייוויק: "ל. שאַפּיראָ, אין לעצטן נומער "סטודיאָ", האָט מיט אַ כיטרעוואַטע־פרומינקער ראַספּוטינישער מינעלע, איבערדרוקנדיק מיינס אַ ליד, געסטאַרעט זיך צו כאַראַקטעריזירן מיך, אויפן סמך פונם ליד, שיר ניט ווי דעם טשיף פון יענער וועלט אַליין מיט אַ קאָסע אויפן פּלייצע. נאָך אַ נס וואָס ער האָט מיך ניט געמאַכט פאַר אַן אוראַנגאוטאַנג, ווייל איך האָב אויך אַ ליד וועגן אוראַנגאוטאַנג".

בזה הלשון. אַן איך־פאַרשיכורטער מענטש ווייסט אפילו ניט וואָס ער לייענט. אַז אַ מענטש עסט וועטשערע מיט יעזוסן (אַזוי בין איך מיר משער), שלאָפט מיט ספּינאָזאַן און ליבט מיט אַבעלאַרן — וואָס פאַר אַ ווערט קאָנען שוין ביי אים האָבן די רייד פון אונדז, זינדיקע מענטשן פון אונדזער צייט, אַז ער זאָל זיך צו זיי צוהערן אָדער זיי באַנעמען? האָט ער עס פון ספּינאָזאַן געלערנט צו זיין אַזוי קראַנקהאַפט עמפּינדלעך צו אַ וואָרט פון קריטיק? נאָר עס מאַכט ניט. דאָס אַלץ וועט אונדז ניט אָפּהאַלטן פון אָנווייזן, אַז אַ בויך מיט איך, אויב אפילו ער העלפט אַמאָל ארויסצוברענגען אַ געלונגענעם פערז, פירט ער אָבער אַלעמאָל צו היסטעריע, צעכראַסטעטע געפילן און אַ טשאַד אין קאָפּ.

ניט זייער גוט האָט זיך פאַנאַנדערגעקליבן אין דעמזעלבן ענין אויך ש. ניגער אין "טאָג". בא אים קומט אויס אַז בא מיר קומט אויס,

"אַז מ'דאַרף ניט שרייבן קיין לידער". בעת באַ מיר איז אויסגעקומען בלויז דאָס, אַז די "עכטע ליריקער" וואָלטן געמעגט אַראָפּלאָזן אַ טאָן אָדער צוויי פון זייער איכיזם. דער עגאָצענטריקער, אַז ער פאַרדאַרבט זיך דעם מאָגן, באַטראַכט ער עס פאַר אַ קאַטאַסטראָפע אינם וועלטרוים. דער פאַקט אַז איך האָב אויסגעקליבן דאַווקע אַ גוט ליד אויף צו מאַכן מיין באַמערקונג באַווייזט בלויז, אַז דער ליריקער מעג שרייבן און דער לייענער אָדער דער קריטיקער מעג זאָגן, און פוןביידע זאַכן צוזאַמען קומט עפּעס אַרויס. ווען עמיצער וואָלט מיינע אַ זאַך אַזוי באַהאַנדלט ווי איך האָב באַהאַנדלט לייוויקס ליד, וואָלט איך דערפון הנאה געהאַט. און אַ חוש פאַר הומאָר קאָן אויך קיינעם ניט שאַדטן. —

## נאָכשפּיל

א. לעיעלעס, אין "אינזיך" נו. 12, שרייבט אַ בריוו צו ה. לייוויקן. ער בעט אים אויסצוקומען מיט אַ פאָדערונג "צו אַ באַשטימטן קלאַס ליטעראַרישע אָדער זשורנאַליסטישע יאָלדן", אַז זיי זאָלן אויפהערן צו באַליידיקן לייוויקן "מיט אַזעלכע קליינשטעטלדיקייטן ווי רופן אייך הייליקער, הייליקסטער, עטצ." "איך בין זיכער, אַז אייך אַליין שלאָגט צום האַרצן פון אַזוינע לאַקריצדיקע אַבסורדן... זאָגט זיי אָן, איך בעט אייך, די פּראָווינציאַלן, אַז זיי זאָלן אויפהערן אָנטון אייך אין ווייסע אַטלאַסענע קיטלען".

איז דאָך גוט, אַה?

איז אָבער — מעשי שטן — אין דעמזעלביקן נומער "אינזיך" פאַראַן אַ ליד פון ה. לייוויק: "צו ש..." (איר ווייסט שוין וועמען מ'מיינט). דער פּאָעט באַדויערט, וואָס ער האָט זיך דערלויבט דורכן רשע (איר ווייסט שוין וועמען מ'מיינט) אַליין אַריינגעצווינגן צו ווערן אין רשעות. "ער שלאָגט זיך על חטא אויף אייער האַרצן" — זאָגט מיר אַ באַקאַנטער שרייבער. נו, מילא. אָבער אָט איז דער פינאַל פונם ליד: "מיין טיר איז אָפן, נאָסטפרײַנמלעך —



מיין צעל, ווען קומען זען מיך — זאָגט מיין האַרץ מיר אונטער; נאָר איידער דו רירסט אָן מיט דיינע פיס מיין שוועל, דעם גאַנצן שטויב פון זיך אַפּריער וואַרף אַרונטער".

אַ וואַריאַנט אויף „של נעליך מעל רגליך" — דער באָדן איז הייליק.

איז וואָס זשע זאָגט איר, קאָלעגע לעיעלעס? —

## אַ טעות — און אַ טומל

אין "סטודיאָ" נומער 2 איז דאָ אַ ציטאַטע פון אַ ליד פון א. לעיעלעס: "אידיש וועט אַמאָל נאָך אויפרייסן דעם אוניווערז!" דאָס איז געבראַכט געוואָרן אין פאַרבינדונג מיט מלך ראַוויטשעס ליד אין דער "צוקונפט" וועגן "מאַמע אידיש". און עס איז אָנגעגעבן געוואָרן, אַז דאָס איז געדרוקט אין איינעם פון די נומערן "אינזיך". לאָזט זיך אויס, אַז דאָ האָט מען געמאַכט אַ גאַנצע ריי שרעקלעכע טעותן: 1) דאָס ליד געפינט זיך ניט אין "אינזיך", נאָר אין אַ בוך פון א. לעיעלעס; 2) די שורה לייענט זיך ניט ווי איין שורה, נאָר ווי צוויי: "ביז גרייכן וועט די לעצטע האַנט די קאַלטע, קאָן אידיש אויפרייסן דעם אוניווערז"; 3) דאָס גיט־איבער איינגאַנצן אַנדערש דעם זין פון די" שורות (דער חילוק איז צו דין, און וועגן דעם דאַרף מען אָנשרייבן אַ גאַנצן טראַקטאַט).

דעם גאַנצן עסק האָט מען געקאָנט גלייכשטעלן אין דריי שורות, און איך וואָלט געוואָרן אָנערקענט מיין טעות. צו וואָס מאַכן אַ טומל אויף אַ גאַנץ זייטל: גוואַלד, מ'האָט מיר שלאַכץ געטין? דער פאָרוואורף איז באַשטאַנען אין דעם, אַז מ'האָט "נישט נאָכגעקוקט", אַז עס נעמט דער "סטודיאָ" חדשים צו דערשיינען, האָט מען, הייסט עס, גענוג צייט. נו, "סטודיאָ" איז אַזוי גרויס ווי דריי חדשים "אינזיך" און ווערט אוי רעדאַגירט, אוי אַרויסגעגעבן — ד. ה. עס ווערן געשאַפן די מיטלען — דורך איין מענטשן, אָנשטאָט זעקס אָדער זיבן וואָס האָבן זייערע מיטלען גרייט.

ניטגעקוקט אויף דעם אַלעם, האָט מיך מיין געוויסן געפּלאָגט. איך האָב זייער אַ קליין געוויסנדל, אָט ווי אַ שפּילקע־קעפּל, אָבער — איר האָט שוין אַמאָל געפּרואווט זיצן אויף אַ שפּילקע־קעפּל? איז טאַקע געווען שלעכט. ביז אַ פריינט שיקט מיר אריין אַ נאָטיץ פון דער פּראָווינץ־אויפלאַגע פון "טאָג" וועגן דעם נומער "אינזיך", און א י ן א י נ ה אַ לט ווערט אָנגעגעבן, אַז עס איז פאַראַן אַן ענט־פער "אויף אַ פאַלשער ציטאַטע אין ל. שאַפּיראָס "סטודיאָ"... אין אינהאַלט אַזש! און אַ "פאַלשע"! אַ געפעלשטע, הייסט עס — ניט אַ פאַרגרייזטע, אַ טעותדיקע. דעמלט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער טומל איז דאָ געווען דער עיקר — און דעמלט איז מיר געוואָרן גרינגער, און דאָס דערמאָנטע געוויסנדל האָט זיך באַ־רואיקט. —

מיר זאָגן־צו דעם לייענער ניט צו פאַרנעמען זיך מער מיט די גריי־מאַסן פונם קראַנקן, ווי אויך פונם א י ב ע רג ע ז ו נ ט ן שריי־בערשן עגאָ. דער פּלאַץ אין "סטודיאָ" איז ניט "הייליק", אָבער שווער און טייער. פון דער אַנדערער זייט, דאַרף מען געדיינקען, אַז אונטער די אַלע סיגעס זענען פאַראַן אויך טיפערע "אישום" — דיפערענצן פון צוגאַנג צו דער וועלט בכלל און צום ענין ליטעראַטור בפרט. —

אַ קריטישער אַרטיקל וועגן משה נאַדיר פון א. טאַבאַטשניק האָט געזאָלט פאַרעפנטלעכט ווערן אין דעם איצטיקן נומער "סטודיאָ", נאָר האָט ניט געקאָנט אַריין צוליב טעכנישע סיבות. דער אַרטיקל וועט געדרוקט ווערן אין "סטודיאָ" נומער 4. —

---

## אין „סטודיא" נומער 4, צווישן אנדערע זאַכן:

ברוך גלאַזמאַן : דער טויטנמאַנץ
א. טאַבאַטשניק : משה נאַדיר
משה שטאַרקמאַן : דאָס בוך פון טאָג



סטודיאָ דערשיינט איין מאָל אין דריי חדשים, אַנטהאַלט 128 זייטן, אין אַ הילע פון פּאַפּיר, און קאָסט 2 דאָלער אַ יאָר, פּאָסט פריי, אין אויסלאַנד 2.50. סטודיאָ נעמט ניט אָן קיין אַנאָנסן און איז אויסגערעכנט אויסשליסלעך אויף מענטשן, וואָס נעמען ערנסט די קונסט פון וואָרט.

סטודיאָ דרוקט דערציילונגען, לידער, עסייען, רעצענזיעס און אַ קאָמענטאַר איבער די לויפנדיקע פּאַסירונגען פון אונדזער ליטעראַרישן און קולטורעלן לעבן. אין סטודיאָ האָבן אַ מעג־לעכקייט זיך צו באַטייליקן אַלע שרייבער וואָס האָבן וואָס צו זאָגן.

יעדער נומער סטודיאָ גיט זיך אָפּ, אין זיין גרעסטן טייל, מיט אַ ספּעציעלער פאָרמע פון ליטעראַרישער און קינסטלערישער טעטיקייט. עס איז פּראָוויזאָריש אָנגעמערקט דער פאָלגנדיקער פּלאַן:

1. די דערציילונג און דאָס ליד.
2. דער ראָמאַן.
3. דער עסעי.
4. קריטיק.
5. זשורנאַליסטיק.
6. דראַמאַטורגיע.
7. טעאַטער און קינאָ.
8. מעמוארן און בריוו.

אַלע לייענער וואָס זענען פאַראינטערעסירט זענען געבעטן אַריינצושיקן תיכף זייער אייגענעם אַבאָנעמענט, ווי אויך צו זאַמלען אַזויפיל אַבאָנענטן וויפיל זיי קאָנען.

סטודיאָ איז אויסגערעכנט בלויז אויף אַבאָנענטן און ווערט אין איינצל ניט פאַרקויפט.

פארלאג „אליין״

„סטודיא״
גאר פאר אבאנעמען
צוויי דאלער א יאר

ביכער פון ל. שאפירא:

| | |
|---|---|
| די אידישע מלוכה | $1.50 |
| גויארקיש | $1.25 |
| א יאר „סטודיא״ מיט איינעם פון די ביכער | $3.00 |
| מיט ביידע ביכער | $4.00 |

LAMED SHAPIRO
166 Second Avenue
New York, N. Y.